דאָס דאָזיקע ווערק פֿרוידס איז אַרויס ביז איצט אין: דײַטש, אונגעריש, האָלענדיש, העברעיִש, יאַפּאַניש, כינעזיש, נאָרוועגיש, סערביש, ענגליש, פּויליש, פֿראַנצייזיש, רוסיש, שפּאַניש.

4A
24159
Freud, S. Einführung in Psychoanalyse

# פֿרויד

# אַרײַנפֿיר אין פּסיכאָאַנאַליז

אויטאָריזירטע איבערזעצונג פֿון מ. ווײַנרײַך

ביבליאָטעק פֿון ייִוואָ
ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט

III העפֿט

ווילנע
1938

# זיגמונד פּרויד, אַרײַנפיר אין פּסיכאָאַנאַליז

## אינהאַלט:

### ערשטער טייל: די געשטרויכלטע טוונגען.


I. אַרײַנפיר.
II. די געשטרויכלטע טוונגען.
III. די געשטרויכלטע טוונגען (המשך).
IV. די געשטרויכלטע טוונגען (סוף).


### צווייטער טייל: דער חלום.


V. שוועריקייטן און אַן אָנהייב פון אַ דערנעענטערונג.
VI. הנחות און טעכניק פון באַשיידן.
VII. דער אָפּנוואָרער אינהאַלט פון חלום און פאַרבאַהאַלטענע חלום-געדאַנקען.
VIII. קינדערשע חלומות.
IX. די צענזור אויפן חלום.
X. די סימבאָליק אין חלום.
XI. די חלום-אַרבעט.
XII. אַנאַליזן פון חלומות לדוגמא.
XIII. אַרכאַישע שטריכן און אינפאַנטיליזם אין חלום.
XIV. פאַרלאַנגען ווערן מקוים.
XV. אומזיכערקייטן און קריטיקן.


### דריטער טייל: אַלגעמיינע לערע וועגן נעוראָזן.


XVI. פסיכאָאַנאַליז און פסיכיאַטריע.
XVII. דער זינען פון די סימפּטאָמען.
XVIII. די פיקסירונג צו דער טראַוומע. דאָס אומוויסיקע.
XIX. קעגנשטעל און פאַרשטויסונג.
XX. דעם מענטשנס סעקסועל לעבן.
XXI. די אַנטוויקלונג פון דער ליבידאָ און די סעקסועלע אָרגאַניזאַציע.
XXII. מכּוח אַנטוויקלונג און רעגרעסיע. עטיאָלאָגיע.
XXIII. ווי אַזוי סימפּטאָמען פורעמען זיך אויס.
XXIV. די פשוטע נערוועזשקייט.
XXV. דער פחד.
XXVI. די טעאָריע פון ליבידאָ און דער נאַרציזם.
XXVII. די אַריבערטראָגונג.
XXVIII. די אַנאַליטישע טעראַפּיע.


---

מיט דעם דאָזיקן העפט III זײַנען פאַרענדיקט די ערשטע צוויי טיילן פון ווערק.




Tartu Riiklikū Ülikooli
Raamatukogu
46849

Bibliotheca Universitatis Tartuensis
1941: 12159

דורך פֿאַרגלײַכן אַ סך באַשיידן פֿון חלומות בין איך בכּוח אויסצומאָלן פֿאַר אײַך אויף אַ כּוללדיקן אופֿן, וואָס אַזוינס די חלום-אַרבעט טוט אָפּ מיטן מאַטעריאַל פֿון די פֿאַרבאַהאַלטענע חלום-געדאַנקען. איך בעט אײַך אָבער, איר זאָלט דאָ ניט וועלן פֿאַרשטיין צו פֿיל. ס'איז אַ שטיק באַשרײַבונג וואָס מען דאַרף אויסהערן רויִק און מיט קאָפּ.

די ערשטע פּעולה פֿון דער חלום-אַרבעט איז פֿאַרגעדיכטערונג. מיר מיינען דערמיט דעם פֿאַקט, וואָס דער אָפֿנוואָרער חלום האָט ווינציקער אינהאַלט איידער דער פֿאַרבאַהאַלטענער, דאָס הייסט ער איז אַ מין געקירצטער איבערזעץ זײַנער. אַ מאָל קען זיך מאַכן, אַז ס'איז קיין פֿאַרגעדיכטערונג ניטאָ, בדרך-כּלל איז זי אָבער יאָ פֿאַראַן, און זייער אָפּט איז זי גאָר גרויס. קיין מאָל קערט זי זיך ניט איבער אין איר היפּוך, ד"ה עס טרעפֿט ניט, אַז דער אָפֿנוואָרער חלום זאָל זײַן רײַכער אין היקף און אין אינהאַלט איידער דער פֿאַרבאַהאַלטענער. די פֿאַרגעדיכטערונג ווערט נולד דורך דעם וואָס 1. געוויסע פֿאַרבאַהאַלטענע עלעמענטן היפּערט מען איבער אין גאַנצן, 2. וואָס פֿון טייל קאָמפּלעקסן פֿון פֿאַרבאַהאַלטענעם חלום גייט אַריבער אינעם אָפֿנוואָרן חלום אַרײַן מערניט אַ ברעקל, 3. וואָס פֿאַרבאַהאַלטענע עלעמענטן וואָס האָבן עפּעס בשותּפֿות ווערן אינעם אָפֿנוואָרן חלום צונויפֿגעלייגט, צונויפֿגעשמאָלצן אין איינעם.

אויב איר ווילט, קענט איר רעזערווירן דעם נאָמען „פֿאַרגעדיכטערונג" מערניט פֿאַר דעם אָ לעצטן פּראָצעס. די פּועל-יוצאס פֿון אים לאָזן זיך דעמאָנסטרירן ספּעציעל גרינג. פֿון אײַערע אייגענע חלומות וועט איר זיך דערמאָנען אָן מי, ווי אַזוי פֿאַרשיידענע פּערזאָנען זײַנען פֿאַרגעדיכטערט געוואָרן אין איין פּערזאָן. אַזאַ מישפּערזאָן זעט אויס לאָמיר זאָגן ווי A, נאָר אָנגעטאָן איז זי ווי B, זי טוט עפּעס אַ טוּונג וואָס מען געדענקט וועגן C און דערבײַ ווייס מען נאָך ווי עס איז, אַז דאָס איז די פּערזאָן D. דורך דער דאָזיקער מיש-פֿורעמונג ווערט געוויינטלעך ספּעציעל אַרויסגעהויבן עפּעס אַזוינס וואָס די פֿיר פּערזאָן פֿאַרמאָגן בשותּפֿות. פּונקט ווי פֿון פּערזאָנען, קען מען אויפֿשטעלן אַ מיש-פֿורעמונג פֿון חפֿצים אָדער פֿון מקומות, אויב ס'איז אָפּגעהיט דער תּנאַי, אַז די איינציקע חפֿצים און מקומות פֿאַרמאָגן בשותּפֿות עפּעס אַזוינס וואָס דער פֿאַרבאַהאַלטענער חלום שטרײַכט אונטער. ס'איז אַזוי ווי ס'וואָלט זיך אויסגעפֿורעמט אַ נײַער פֿליִיקער באַגריף, וואָס דאָס דאָזיקע שותּפֿותדיקע איז אין אים דער יאָדער. דורך דעם וואָס די מיט אַנאַנד פֿאַרגעדיכטערטע איינסן פֿאַלן איינס אויף דאָס אַנדערע, קומט אַרויס בדרך-כּלל אַ בילד וואָס איז ניט שאַרף, מטושטשן ערך ווי בשעת איר מאַכט עטלעכע פֿאָטאָגראַפֿישע אויפֿנאַמעס אויפֿן זעלביקן גלעזל.

דער חלום-אַרבעט גייט קענטיק שטאַרק אין שאַפֿן אַזוינע מיש-פֿורעמונגען, וואָרעם מיר קענען אויפֿווײַזן, אַז די שותּפֿותדיקייטן וואָס פֿאָדערן זיך דערצו ווערן געשאַפֿן בכּיוון דאָרטן, ווו לכתּחילה זײַנען זיי ניט געווען, אַ שטייגער דורך אויסקלײַבן דעם ווערטערדיקן אויסדרוק פֿאַר אַ געדאַנק. מיר האָבן זיך שוין באַקענט מיט אַזוינע פֿאַרגעדיכטערונגען און מיש-פֿורעמונגען;

זיי האָבן געשפּילט אַ ראָלע בײַם אויפֿקומען פֿון טייל פֿאַלן פֿון רייד-טעותן דערמאָנט זיך אינעם יונגן מאַן וואָס האָט געוואָלט begleitdigen אַ דאַמע. חוץ דעם זײַנען פֿאַראַן וויצן, וואָס זייער טעכניק איז געבויט אויף אַזאַ פֿאַרגעדיכטערונג. נאָר אַראָפּגערעכנט דאָס מעג מען אָבער זאָגן, אַז אָט דער פּראָצעס איז גאָר עפּעס ניט-אײַנגעוווינטס און אויסטערלישס. דאָס פֿורעמען מיש-פּערזאָנען אין חלום האָט, וואָס אַן אמת, אַנאַלאָג׳עס צו זיך אין טייל שאַפֿונגען פֿון אונדזער פֿאַנטאַזיע וועלכע פֿירט גרינג צונויף אין אַן איינס עלעמענטן, וואָס אין געפּרווו קערן זיי זיך ניט אָן מיט אַנאַנד, — אַ שטייגער אין די קענטאַווערס און ווונדער-חיות פֿון דער אַלטער מיטאָלאָגיע אָדער פֿון בעקלינס בילדער. די „שעפֿערישע“ פֿאַנטאַזיע קען דאָך בכלל ניט אויסגעפֿינען גאָרניט, זי קען נאָר צונויפֿפֿירן עלעמענטן וואָס זײַנען פֿרעמד צווישן אַנאַנד. נאָר דאָס משונהדיקע אינעם גאַנג פֿון דער חלום-אַרבעט איז אָט וואָס: דער מאַטעריאַל וואָס די חלום-אַרבעט האָט אין איר רשות זײַנען דאָך געדאַנקען, געדאַנקען וואָס אַנדערע זײַנען אפֿשר אומפּאַסיק און ניט סובֿל צו זײַן, אָבער געפֿורעמט און אויסגעדריקט זײַנען זיי אויף אַ קאָרעקטן אופֿן. די דאָזיקע געדאַנקען ווערן אַריבערגעפֿירט דורך דער חלום-אַרבעט אין אַן אַנדער פֿאָרם, און ס׳איז מאָדנע און ניט פֿאַרשטענדלעך, וואָס דאָ בײַם איבערזעצן, בײַם אַריבערטראָגן אַזוי ווי אין אַן אַנדער שריפֿט אָדער שפּראַך, ווערן געניצט די מיטלען פֿון אויפֿשמעלצן און קאָמבינירן. בדרך-כּלל זעט דאָך אַן איבערזעצונג אָפּצוהיטן די פֿאַרשיידנקייטן וואָס געפֿינען זיך אין טעקסט און דווקא אָפּצושיידן ענלעכקייטן. די חלום-אַרבעט פֿאַרקערט פּלײַסט זיך צו פֿאַרגעדיכטערן צוויי פֿאַרשיידענע געדאַנקען באופֿן, אַז זי זוכט אַרויס, אויפֿן שטייגער פֿון וויץ, אַ פֿילטײַטשיק וואָרט, וואָס אין אים קענען זיך ביידע געדאַנקען אויפֿטרעפֿן. מען דאַרף ניט וועלן תּיכּף פֿאַרשטיין דעם דאָזיקן שטריך, אָבער ער קען זיך אַרויסווײַזן פֿאַר וואָגיק בײַם באַנעמען די חלום-אַרבעט.

הגם די פֿאַרגעדיכטערונג מאַכט דעם חלום אומדורכזיכטיק, ווײַזט פֿון דעסט וועגן ניט אויס, זי זאָל זײַן אַ ווירקונג פֿון דער חלום-צענזור. גיכער וואָלט מען נוטה זײַן אַרויסצופֿירן זי פֿון מעכאַנישע אָדער עקאָנאָמישע מאָמענטן; אָבער על-כּל-פּנים האָט די צענזור דערפֿון אויך אַ טובֿה.

די פּעולות פֿון דער פֿאַרגעדיכטערונג קענען זײַן גאָר גוואַלדיקע. אַ דאַנק איר קען זיך טייל מאָל מאַכן, אַז צוויי גאָר פֿאַרשיידענע פֿאַרבאַהאַלטענע גאַנגען געדאַנקען זאָלן זיך פֿאַראייניקן אין איין אָפֿנוואָרן חלום, באופֿן אַז מען באַקומט פֿונעם חלום אַ באַשייד וואָס קלעקט דוכט זיך, און פֿאָרט פֿאַרזעט מען אַן איבערבאַשייד וואָס קען נאָך געמאָלט זײַן.

אויך איז די פֿאַרגעדיכטערונג גורם אין דער פֿאַרהעלטעניש צווישן דעם פֿאַרבאַהאַלטענעם חלום און דעם אָפֿנוואָרן, אַז עס בלײַבט ניט איבער קיין פּשוטע שײַכות צווישן די עלעמענטן דאָ און דאָרטן. איין אָפֿנוואָרער עלעמענט קאָרעספּאָנדירט אייגנצײַטיק מיט עטלעכע פֿאַרבאַהאַלטענע, און

פֿאַרקערט קען איין פֿאַרבאַהאַלטענער עלעמענט האָבן אַ חלק אין עטלעכע אָפּנוואָרע, — הייסט עס אַ מין איבערפֿלעכט. אויך ווײַזט זיך אַרויס בײַם באַשיידן אַ חלום, אַז די אײַנפֿאַלן צו איין איינציקן אָפּנוואָרן עלעמענט קומען ניט דווקא כסדר. אָפֿט דאַרף מען איבערוואַרטן, ביז וואַנען דער גאַנצער חלום וועט זײַן באַשיידט.

די חלום-אַרבעט גיט הייסט עס זייער ניט קיין אײַנגעווינטן מין טראַנסקריפּציע פֿון די חלום-געדאַנקען, ניט קיין איבערזעץ וואָרט בײַ וואָרט אָדער אות-באות און ניט קיין אָפּקלײַב לויט אַ באַשטימטן כלל, אָט למשל ווי מען וואָלט איבערגעגעבן נאָר די קאָנסאָנאַנטן פֿון אַ וואָרט און פֿאַרפֿעלט די וואָקאַלן; און ס'איז אויך ניט דאָס וואָס מען וואָלט געקענט אָנרופֿן ממלא מקום זײַן, אַז אַלע מאָל זאָל מען אַרויסכאַפּן איין עלעמענט אַנשטאָט עטלעכע; נאָר ס'קומט פֿאָר עפּעס אַנדערש, עפּעס וואָס איז אַ סך קאָמפּליצירטער.

די צווייטע פּעולה פֿון דער חלום-אַרבעט איז דאָס איבעררוקן. ס'האָט אונדז אָפּגעגאָלטן, מיר האָבן שוין אין דעם אַרײַנגעאַרבעט; מיר ווייסן דאָך, דער איבעררוק איז אין גאַנצן די אַרבעט פֿון דער חלום-צענזור. די בײדע אַרויסווײַזן זײַנע זײַנען ערשטנס, וואָס אַ פֿאַרבאַהאַלטענער עלעמענט ווערט פֿאַרביטן ניט דורך אַ חלק פֿון אים גופֿא, נאָר דורך עפּעס מער אָפּגערוקטס, דאָס הייסט דורך אַן אָנצוהערעניש, און צווייטנס, וואָס דער פּסיכישער אַקצענט גייט אַריבער פֿון אַ וויכטיקן עלעמענט אויף אַן אַנדערן, ניט קיין וויכטיקן, אַזוי אַז דער חלום ווײַזט אויס אַנדערש צענטרירט און אויסטערליש.

דאָס פֿאַרבײַטן דורך אַן אָנצוהערעניש איז באַוווּסט אין אונדזער טראַכטן אויף דער וואָר אויך, נאָר ס'איז פֿאַראַן דערין אַ חילוק. אין טראַכטן אויף דער וואָר מוז די אָנצוהערעניש זײַן גרינג צו פֿאַרשטיין און דער במקום מוז האָבן אַן אינהאַלטיקע שײַכות צו זײַן עצם. דער וויץ ניצט אויך אָפֿט די אָנצוהערעניש, ער איז מוותר אויפֿן תנאַי פֿון אינהאַלטיקער אַסאָציאַציע און פֿאַרבײַט זי דורך אַ ניט-אײַנגעווינטער דרויסנדיקער אַסאָציאַציע ווי גלײַכקלאַנג, פֿילטײַטשיקייט פֿון וואָרט און אַנדערע. נאָר בײַם באַדינג פֿון פֿאַרשטענדלעכקייט האַלט ער זיך אָבער; דער וויץ וואָלט דאָך אָנגעווירן יעטווידער ווירקונג, אויב דער וועג צוריק פֿון דער אָנצוהערעניש צום עצם וואָלט זיך ניט געלאָזט דורכמאַכן אָן מי. די איבעררוקנדיקע אָנצוהערעניש פֿון חלום האָט זיך אָבער באַפֿרײַט פֿון בײדע באַגרענעצונגען. מיטן עלעמענט וואָס פֿאַרבײַט זי איז זי געקניפּט דורך די סאַמע דרויסנדיקע און ווײַטע שײַכותן, איז זי דעריבער אומפֿאַרשטענדלעך, און ווען מען ברענגט זי צוריק צו איר אָנהייב, מאַכט דער באַשייד דעם אײַנדרוק פֿון אַ ניט-געראָטענעם וויץ אָדער פֿון אַ געמאַטערטן אַרײַנטײַטש, איבער גוואַלד צוגעשלעפּט פֿאַר די האָר. מחמת די חלום-צענזור האָט דערגרייכט איר ציל מערניט, אויב ס'איז איר געראָטן צו מאַכן אַזוי, אַז מען זאָל ניט קענען געפֿינען דעם וועג צוריק פֿון דער אָנצוהערעניש צום עצם.

אַז דאָס איבעררוקן דעם אַקצענט זאָל זײַן אַ מיטל פֿון אויסדריקן אַ געדאַנק איז ניט געהערט געוואָרן. בײַם טראַכטן אויף דער וואָר דערלאָזן מיר דאָס אַ מאָל, בכדי צו דערגרייכן אַ קאָמישן עפֿעקט. דעם רושם פֿון פֿאַרפֿלאָנטערניש, וואָס דער איבעררוק מאַכט, קען איך אַ שטייגער אַרויסרופֿן בײַ אײַך, אויב איך וועל אײַך דערמאָנען דעם אַנעקדאָט, אַז אין אַ דאָרף איז געווען אַ שמיד וואָס האָט זיך פֿאַרזינדיקט מיט אַ פֿאַרברעך און איז געווען חייבֿ מיתה. דער געריכט האָט געפּסקנט, אַז פֿאַר דער זינד דאַרף באַצאָלט ווערן, נאָר היות ס׳איז געווען מערניט איין שמיד אין דאָרף און מען האָט זיך אָן אים ניט געקענט באַגיין, פֿאַרקערט שנײַדערס האָבן געוווינט אין דאָרף דרײַ, האָט מען אַנשטאָט אים אויפֿגעהאַנגען איינעם פֿון אָט די דרײַ.

די דריטע פּעולה פֿון דער חלום-אַרבעט איז פּסיכאָלאָגיש די אינטערעסאַנטסטע. דאָס איז דאָס אַריבערפֿירן געדאַנקען אין וויזועלע בילדער. לאָמיר פֿאַרגעדענקען, אַז דאָס איז חל ניט אויף אַלצדינג אין די חלום-געדאַנקען; טייל זאַכן היטן אויף זייער פֿאָרם און באַווײַזן זיך אין אָנפֿנוואָרן חלום אויך ווי אַ געדאַנק אָדער ווי וויסן; אויך זײַנען וויזועלע בילדער ניט די איינציקע פֿאָרם, וואָס אין איר ווערן אַריבערגעפֿירט געדאַנקען. נאָר פֿאָרט זײַנען זיי דאָס עיקרדיקע בײַם פֿורעמען דעם חלום. אָט דאָס שטיק חלום-אַרבעט איז דאָס צווייטע אין פּרט פֿון שטענדיקייט, ווי מיר ווייסן שוין, און בנוגע איינציקע חלום-עלעמענטן האָבן מיר זיך שוין באַקענט מיט דער „פּלאַסטישער ווערטער-אויסמאָלונג".

ס׳איז קלאָר, אַז דאָס איז ניט קיין גרינגע אַרבעט. כּדי איר זאָלט האָבן אַ השגה וועגן די שוועריקייטן, דאַרפֿט איר זיך פֿאָרשטעלן, אַז איר האָט גענומען אויף זיך אַן עבֿודה צו פֿאַרבײַטן אַ פּאָליטישן לייט-אַרטיקל אין אַ צײַטונג דורך אַ ריי אילוסטראַציעס, דאָס הייסט, אַז פֿון שרײַבן מיט אותיות זײַט איר אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן צוריק צום שרײַבן מיט בילדער. אויף וויפֿל אינעם אַרטיקל ווערן אָנגערופֿן פּערזאָנען און קאָנקרעטע חפֿצים, וועט איר זיי גרינג קענען פֿאַרבײַטן דורך בילדער, און ס׳וועט נאָך אפֿשר זײַן אַ מעלה. אָבער אויף שוועריקייטן מעגט איר זיך ריכטן בײַם אויסמאָלן אַלע אַבסטראַקטע ווערטער און אַלע ווערטערקלאַסן וואָס באַצייכענען שײַכותן פֿון טראַכטן, אַ שטייגער פּאַרטיקלען, קאָניונקציעס און דאָס גלײַכן. בײַ די אַבסטראַקטע ווערטער וועט איר זיך קענען אַן עצה געבן מיט כּלערליי המצאות. איר וועט זיך אַ שטייגער פּלײַסן אַריבערצופֿירן דעם טעקסט פֿון אַרטיקל אין אַן אַנדער נוסח, וואָס ער קלינגט אפֿשר פֿרעמדלעכער, נאָר ער האַלט אין זיך מער קאָנקרעטע חלקים וואָס לאָזן זיך אויסמאָלן. ווידער וועט איר זיך דערמאָנען, אַז דאָס רובֿ אַבסטראַקטע ווערטער זײַנען אָפּגעבלאַקירטע קאָנקרעטע ווערטער, וועט איר דעריבער, אויף וויפֿל איר וועט קענען, אומקערן זיך צום תּחילתדיקן קאָנקרעטן פּשט פֿון די דאָזיקע ווערטער. איר וועט הייסט עס זײַן צופֿרידן, וואָס דאָס „באַזיצן" אַן אָביעקט קענט איר

אויסמאָלן ווי גשמיותדיק זיצן אויף עפּעס ממש. אַזוי טוט די חלום-אַרבעט אויך. ווי באַלד אַזוי, וועט איר משמעות ניט קענען האָבן קיין גרויסע פּרעטענזיעס, אַז די אויסמאָלונג זאָל זײַן פּינקטלעך. וועט איר דעריבער הייסט עס דער חלום-אַרבעט אויך ניט נעמען פֿאַר אומגוט, וואָס אַזאַ עלעמענט ווי Ehebruch*, וואָס לאָזט זיך אַזוי שווער גובֿר זײַן בילדעריש, פֿאַרבײַט זי דורך אַן אַנדער Bruch — דורך ברעכן אַ פֿוס.[1] אויף אַזאַ אופֿן וועט זיך

---

* ברעכן די געטרײַשאַפֿט צום מאַן אָדער צו דער פֿרוי.

[1] בײַם לייענען די קאָרעקטור פֿון אָט די בויגנס פֿאַלט מיר אַרײַן אין די הענט אַ צײַטונגס-נאָטיץ וואָס איך דרוק דאָ אָפּ ווי אַן אומגעריכטע אילוסטראַציע צו די אָקערשט געבראַכטע זאַצן:

גאָטס שטראָף

(געבראָכן אַ האַנט פֿאַר ברעכן די געטרײַשאַפֿט צום מאַן)

פֿרוי אַנע מ., די פֿרוי פֿון אַ רעזערוויסט, האָט אָנגעגעבן אין געריכט אויף פֿרוי קלעמענטינע ק. פֿאַר ברעכן די געטרײַשאַפֿט צום מאַן. אין איר אָנקלאָג שרײַבט זי, אַז ק. האָט אונטערגעהאַלטן באַשטראָפֿלעכע באַציִונגען מיט קאַרל מ., בשעת ווען איר אייגענער מאַן איז אויפֿן פֿראָנט און שיקט איר אַפֿילו פֿון דאָרטן 70 קרוין אַ חודש. ק. האָט שוין געקראָגן פֿון דער באַשולדיקערינס מאַן אַ סך געלט, און זי מיט איר קינד מוז לעבן אין הונגער און נויט. איר מאַנס קאָלעגן האָבן איר געמסרט, אַז ק. איז געגאַנגען מיט מ.ען אין ווײַנקעלערס און האָט דאָרטן געהוליעט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן. איין מאָל האָט די באַשולדיקטע אַפֿילו געפֿרעגט דער באַשולדיקערינס מאַן, אין בײַזײַן פֿון עטלעכע אינפֿאַנטעריסטן, צי ער וועט זיך שוין ניט באַלד גטן מיט זײַן „אַלטער" און אַרײַנקלײַבן זיך צו איר. די קערערין פֿון ק. האָט אויך ניט איין מאָל געזען דער באַשולדיקערינס מאַן אין ק.ס וווינונג גאָר אין אַ טיפֿן נעגליזשע.

ק. האָט נעכטן פֿאַר אַ ריכטער אין לעאָפּאָלדשטאַטער דיסטריקט געלייקנט, אַז זי קען מ.ען, מכּל-שכּן איז שוין פֿון אינטימע באַציִונגען ניטאָ וואָס צו ריידן.

די עדותטע אַלבערטינע נ. האָט אָבער דערציילט, אַז זי האָט גראָד דערטאַפּט ק., ווען זי האָט געקושט דעם מאַן פֿון דער באַשולדיקערין.

מ., וועמען מען האָט נאָך בײַ אַ פֿריִערדיקער זיצונג געהאַט פֿאַרהערט פֿאַר אַן עדות, האָט יעמאָלט געלייקנט, אַז ער זאָל זײַן אין אינטימע באַציִונגען מיט דער באַשולדיקטער. נעכטן האָט דער ריכטער געהאַט אַ בריוו, ווו דער עדות האָט אָפּגעלייקנט זײַנע רייד פֿון דער ערשטער זיצונג און איז מודה, אַז ביז פֿאַרגאַנגענעם יוני האָט ער געהאַט ליבע-באַציִונגען מיט ק. בײַ דער פֿריִערדיקער זיצונג האָט ער געלייקנט זײַנע באַציִונגען צו דער באַשולדיקטער מערניט דערפֿאַר וואָס פֿאַר דער זיצונג איז זי געקומען צו אים און איז אים געפֿאַלן צו די פֿיס, ער זאָל זי ראַטעווען און קיין זאַך ניט זאָגן. „הײַנט, האָט געשריבן דער עדות, שפּיר איך זיך גענייט מגלה צו זײַן אַלצדינג פֿאַרן געריכט, ווײַל איך האָב זיך געבראָכן די לינקע האַנט, און דאָס קומט אויס בײַ מיר ווי גאָטס שטראָף פֿאַר מײַן חטא".

דער ריכטער האָט קאָנסטאַטירט, אַז די באַשטראָפֿלעכע טוונג איז שוין עובֿר זמן; האָט די באַשולדיקערין צוריקגענומען איר אָנקלאָג, און די באַשולדיקטע איז באַפֿרײַט געוואָרן

אײַך אײַנגעבן אויסצוגלײַכן ווי עס איז די האַמעטנעקייט פֿון דער בילדערשריפֿט וואָס דאַרף פֿאַרבײַטן דאָס שרײַבן מיט אותיות.

בײַם אויסמאָלן ווערטערקלאַסן וואָס באַצייכענען פֿאַרהעלטעניש פֿון טראַכטן, אַזוינס ווי „וואָרעם‟, „דעריבער‟, „אָבער‟ און אַזוי ווײַטער, פֿאַרמאָגט איר ניט קיין העלפֿמיטלען פֿון דעם מין; די אָ חלקים פֿון טעקסט ווערט איר הייסט עס אָנווערן בײַם אַריבערפֿירן אין בילדער. דאָס אייגענע ווערט דער אינהאַלט פֿון די חלום-געדאַנקען צעלייגט דורך דער חלום-אַרבעט אין זײַן רויען מאַטעריאַל — אָביעקטן און טוּונגען. איר מעגט זײַן צופֿרידן, אויב עס מאַכט זיך אײַך אַ מיגלעכקייט דורך אויסענדיקן די בילדער מיט פֿײַנערע דעטאַלן ווי עס איז מרמז צו זײַן אויף אַזוינע פֿאַרהעלטעניש, וואָס פֿאַר זיך לאָזן זיי זיך ניט אויסמאָלן. פונקט אַזוי גיט זיך אײַן דער חלום-אַרבעט אויסצודריקן טייל זאַכן פֿונעם אינהאַלט פֿון די פֿאַרבאַהאַלטענע חלום-געדאַנקען אין פֿאָרמאַלע סימנים פֿונעם אָפּנוואָרן חלום: דורך מאַכן אים קלאָר אָדער טונקל, דורך צעטיילן אים אויף עטלעכע שטיקער וכדומה. די צאָל טייל-חלומות, וואָס אין זיי איז צעלייגט איין חלום, שטימט בדרך-כלל מיט דער צאָל הויפּטטעמעס — רייען געדאַנקען — אינעם פֿאַרבאַהאַלטענעם חלום; אַ קורצער אַרײַנפֿיר-חלום איז לגבי דעם נאָכקומענדיקן באַריכותדיקן הויפּט-חלום אָפּט אַזוי ווי אַן אַרײַנפֿיר אָדער אַ מאָטיווירונג; אַנשטאָט אַ בײַזאַץ אין די חלום-געדאַנקען קומט אינעם אָפּנוואָרן חלום אַן אַרײַנגערוקטער בײַט פֿון דער סצענע, און אַזוי ווײַטער. די פֿאָרם פֿון די חלומות איז הייסט עס פֿאַר זיך בשום-אופֿן ניט אַלץ איינס און זי גופֿא בעט זיך אויך באַשיידט צו ווערן. צו עטלעכע חלומות אין איין נאַכט האָבן אָפּט מאָל דעם נעמלעכן באַטײַט און ווײַזן אָן, אַז מען פֿלײַסט זיך אַלץ בעסער גובֿר צו זײַן אַ רייץ וואָס האַלט אין ווערן דרינגלעכער. אינעם אייניציקן חלום גופֿא קען אַ ספּעציעל האַרבער עלעמענט אויסגעמאָלט ווערן דורך „דובלעטן‟, דורך עטלעכע סימבאָלן.

אויב מיר פֿאַרגלײַכן כּסדר חלום-געדאַנקען מיט די אָפּנוואָרע חלומות וואָס פֿאַרבײַטן זיי, ווערן מיר געוווירר פֿאַרשיידענע זאַכן, וואָס מיר האָבן זיך אויף זיי ניט געקענט ריכטן, אַ שטייגער, אַז די אומזיניקייט און די אַבסורדאַלקייט פֿון חלומות האָבן אויך אַ באַטײַט. נאָך מער, אין דעם פונקט ווערט די סתּירה צווישן דעם מעדיציניש און דעם פּסיכאָאַנאַליטישן באַנעם פֿון חלום אַזוי שאַרף ווי אין ערגעץ ניט. על-פּי מעדיצין איז דער חלום אומזיניק, מחמת די חלומענדיקע פּסיכישע טעטיקייט האָט אָנגעווירן יעטווידער קריטישקייט; אַנטקעגן לויט אונדזער קוק ווערט דער חלום אומזיניק, אויב עס דאַרף אויסגעמאָלט ווערן אַ קריטיק וואָס איז פֿאַראַן אין די חלום-געדאַנקען, דער אָפּשאַץ „ס׳איז אומזיניק‟. דער חלום וועגן גיין אין טעאַטער, וואָס איז אײַך באַוווּסט (דרײַ בילעטן פֿאַר 1 גולדן 50 גרײַצער), איז אַ גוטע אילוסטראַציע דערויף. דער אָפּשאַץ וואָס איז דאָ אויסגעדריקט געוואָרן זאָגט: ס׳איז געווען אַן אומזין אַזוי פֿרי חתונה צו האָבן.

אויך ווערן מיר געוווירבײַ דער באַשייד־אַרבעט, וואָס אַזוינס עס קאָרעספּאָנדירט מיט די ספֿקות און אומזיכערקייטן וואָס דער בעל־חלום גיט אַזוי אָפֿט איבער: צי איז אַ געוויסער עלעמענט געווען אין חלום, צי ס'איז געווען דאָס אָדער אפֿשר גאָר עפּעס אַנדערש. מיט די דאָזיקע ספֿקות און אומזיכערקייטן קאָרעספּאָנדירט בדרך־כּלל אין די פֿאַרבאַהאַלטענע חלום־געדאַנקען קיין זאַך ניט; זיי נעמען זיך דורכויס פֿון דער ווירקונג פֿון דער חלום־צענזור, און מען דאַרף האַלטן, אַז ס'איז אַ פּרוּוו, נישט קיין אין גאַנצן געראָטענער, אויסצומעקן אָט דעם עלעמענט.

פֿון די גאָר חידושדיקע אויסגעפֿינסן איז דער אופֿן, ווי אַזוי די חלום־אַרבעט באַגייט זיך מיט היפּוכים וואָס אינעם פֿאַרבאַהאַלטענעם חלום. מיר ווייסן שוין, אַז איינשטימיקייטן אינעם פֿאַרבאַהאַלטענעם מאַטעריאַל ווערן אינעם אָפֿנוואָרן חלום פֿאַרביטן דורך פֿאַרגעדיכטערונגען. נו, מיט היפּוכים באַגייט מען זיך פּונקט ווי מיט איינשטימיקייטן, מיט אַ ספּעציעלן חשק ווערן זיי אויסגעדריקט דורכן נעמלעכן אָפֿנוואָרן עלעמענט. אַן עלעמענט אינעם אָפֿנוואָרן חלום, וואָס איז מסוגל צו אַ היפּוך, קען הייסט עס פּונקט אַזוי באַטײַטן זיך אַליין ווי זײַן היפּוך אָדער ביידע זאַכן אין איינעם; מערניט דער זינען קען מכריע זײַן, וואָס פֿאַר אַן איבערזעץ מען זאָל אויסקלײַבן. דערפֿון נעמט זיך עס, וואָס קיין אויסמאָלונג פֿון „ניין" געפֿינט מען ניט אין חלום, לכל־הפּחות ניט קיין איינטײַטשיקע.

אַן אָנגעלייגטע אַנאַלאָגיע צו דעם דאָזיקן אויסטערלישן פֿירן זיך פֿון דער חלום־אַרבעט שטעלט אונדז צו די אַנטוויקלונג פֿון שפּראַכן. פֿאַראַן שפּראַך־פֿאָרשער וואָס זײַנען אַרויס מיטן טעזיס, אַז אין די עלטסטע שפּראַכן פֿלעגט מען אויסדריקן היפּוכים ווי שטאַרק — שוואַך, ליכטיק — פֿינצטער, גרויס— קליין דורכן נעמלעכן שורש־וואָרט. („דער היפּוכדיקער פּשט פֿון בראשית־ווערטער".) למשל, אויף אַלט־מיצריש האָט ken לכתּחילה באַטײַט שטאַרק און שוואַך. אין ריידן פֿלעגט מען זיך בײַם ניצן אַזעלכע אַמביוואַלענטע ווערטער אויסהיטן פֿון טעותן דורך דער אינטאָנאַציע און דורך צוגעבן אַ זשעסט, אין שרײַבן דורך דערגעבן וואָס מען רופֿט אַ דעטערמינאַטיוו, דאָס הייסט אַ בילד, וואָס פֿאַר זיך האָט עס ניט געדאַרפֿט אַרויסגערעדט ווערן. דהײַנו, ken—שטאַרק האָט מען געשריבן צוגעבנדיק נאָכן צייכן פֿון אות אַ בילד פֿון אַ שטייענדיקן מענטשעלע; אויב מען האָט געמיינט ken – שוואַך, פֿלעגט קומען נאָך דעם אַ בילד פֿון אַ מענטשן וואָס הויערט אָפּגעלאָזענערהייט. שפּעטער שוין האָט מען דורך גרינגע מאָדיפֿיקאַציעס אַרויסבאַקומען פֿונעם גלײַכקלינגענדיקן בראשית־וואָרט צוויי באַצייכענונגען פֿאַר די היפּוכים וואָס שטעקן אין אים. אַזוי איז פֿון ken שטאַרק – שוואַך געוואָרן ken — שטאַרק און kan — שוואַך. מען האַלט, אַז ניט נאָר די עלטסטע שפּראַכן אין זייערע לעצטע סטאַדיעס, נאָר אַפֿילו אַ סך יינגערע שפּראַכן און אַפֿילו אַזוינע וואָס לעבן נאָך הײַנט האָבן אויפֿגעהיט בשפֿע רעשטן פֿון דעם דאָזיקן אַלטן היפּוכדיקן פּשט. איך וויל אײַך ברענגען דערויף עטלעכע אויפֿווײַזן לויט ק. אַבעלן (1884).

אין לאַטײַן זײַנען אַזוינע נאָך אַלץ אַמביוואַלענטע ווערטער: altus (הויך – טיף) און sacer (הייליק — שאַלקהאַפֿטיק).

ווי דוגמאות פֿאַר מאָדיפֿיקאַציעס פֿונעם זעלביקן שורש דערמאָן איך: clamare — שרײַען, clam — שטיל, בסוד; siccus — טרוקן, succus — זאַפּט; און אין דײַטש: Stimme—stumm.

אויב מען פֿירט צונויף קרובֿישע שפּראַכן, באַקומען זיך דוגמאות לרובֿ. ענגליש lock — שליסן; דײַטש: Loch, Lücke. ענגליש cleave—שפּאַלטן; דײַטש kleben.

דאָס ענגלישע without, בעצם מיט-אָן, ווערט הײַנט גענוצט פֿאַר „אָן“. אַז with האָט אַחוץ זײַן צוטיילנדיקן פּשט געהאַט נאָך אַן אָפּנעמענדיקן אויך, זעט זיך נאָך אַרויס פֿון די באַהעפֿטן withdraw — withhold [צוריקציִען, אָפּהאַלטן]. ענלעך דאָס דײַטשע wieder.

נאָך צו אַן אַנדער אייגנקייט פֿון דער חלום-אַרבעט איז פֿאַראַן אַן אַנאַלאָגיע אין דער אַנטוויקלונג פֿון שפּראַך. אין אַלט-מיִצריש פֿלעגט טרעפֿן, אַזוי ווי אין אַנדערע שפּעטיקערע שפּראַכן, אַז אין ווערטער פֿונעם זעלביקן פּשט פֿלעגט מען איבערקערן דעם סדר פֿון די קלאַנגען. אַזוינע דוגמאות צווישן ענגליש און דײַטש זײַנען: Topf — pot [טאָפּ]; boat — tab [שיפֿל, כּלי — פֿאַס, וואַנע]; Ruhe — hurry [רו — אײַלעניש]; Balken — kloben, club [באַלקן — שווערער שטעקן]; wait — täuwen [וואַרטן — אַרבעטן פֿאַר אַ טאָגלוין].

צווישן לאַטײַן און דײַטש: capere—packen; ren—Niere.

אַזוינע איבערקערונגען, ווי מיר באַגעגענען זיי דאָ בײַ איינציקע ווערטער, קומען צו שטאַנד דורך דער חלום-אַרבעט אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים. דאָס איבערקערן דעם זינען, דאָס פֿאַרבײַטן דורכן היפּוך קענען מיר שוין. חוץ דעם טרעפֿן זיך אין חלומות איבערקערונגען פֿון דער סיטואַציע, פֿון דער באַציִונג צווישן צוויי מענטשן, הייסט עס אַזוי ווי אין דער „פֿאַרקערטער וועלט“. אין חלום שיסט געוויינלעך דער האָז אויפֿן יעגער. ווײַטער קערט זיך איבער די סדרה פּאַסירונגען, אַזוי אַז די פּאַסירונג, וואָס סיבותדיק גייט זי פֿריִער, ווערט אין חלום געשטעלט הינטער דער וואָס איז געווען שפּעטער פֿון איר. ס'קומט יעמאָלט אויס ווי בײַ דער אויפֿפֿירונג פֿון אַ פּיעסע אין אַ שלעכטן שונד-טעאַטער, ווו פֿריִער פֿאַלט דער העלד אַנידער און דערנאָכדעם ערשט פֿאַלט פֿון הינטער די קוליסן דער שאָס וואָס הרגעט אים. אָדער ס'זײַנען פֿאַראַן חלומות, ווו דער גאַנצער סדר פֿון די עלעמענטן איז איבערגעקערט, אַזוי אַז בײַם באַשיידן דאַרף מען אויף אַרויסצובאַקומען אַ זינען נעמען דעם לעצטן צום אָנהייב און דעם ערשטן צום סוף. איר וועט זיך נאָך דערמאָנען פֿון אונדזער שטודירן די סימבאָליק פֿון חלומות, אַז אַרײַנגיין אָדער אַרײַנפֿאַלן אין וואַסער באַטײַט דאָס אייגענע ווי אַרויסקומען פֿון וואַסער, דהײַנו האָבן אַ קינד אָדער געבוירן ווערן, און אַז אַרויפֿגיין אויף שטיגן, אויף אַ לייטער איז דאָס אייגענע

ווי אַראָפּגיין. ס'וואַרפט זיך אין די אויגן, וואָס פאַר אַ טובה די חלום-פאַרקרימונג קען האָבן פון אַזאַ מין פּרייַקייט אין אויסמאָלן.

די דאָזיקע שטריכן פון דער חלום-אַרבעט מעג מען אָנרופן אַרכאַיִשע. די זעלבע שטריכן געפינען מיר אויך אין די אַלטע אויסדריק-סיסטעמען, שפּראַכן און שריפטן, און זיי ברענגען מיט זיך די זעלבע פאַרשווערונגען, וואָס וועגן זיי וועט נאָך קומען צו רייד אין אַ קריטישן צונויפנעם.

און אַצונד נאָך אַ פּאָר אַנדערע זעפּונקטן. אין דער חלום-אַרבעט גייט משמעות אין דעם, אַז די פאַרבאַהאַלטענע געדאַנקען וואָס זייַנען פאָרמולירט אין ווערטער זאָלן אַריבערגעפירט ווערן אין חושיקע בילדער, ס'רוב פון אַ וויזועלן כאַראַקטער. נו, אונדזערע געדאַנקען זייַנען אַרויסגעוואַקסן פון אַזוינע חושיקע בילדער; זייער ערשטער מאַטעריאַל און זייערע פריִערדיקע שטאַפלען זייַנען געווען חושיקע אייַנדרוקן אָדער, בעסער געזאָגט, געדעכעניש-בילדער פון אַזוינע אייַנדרוקן. צו זיי זייַנען שוין שפּעטער צוגעקניפּט געוואָרן ווערטער, און די ווערטער האָבן זיך דערנאָך פאַרבונדן און פון זיי זייַנען געוואָרן געדאַנקען. די חלום-אַרבעט מאַכט הייסט עס דורך מיט די געדאַנקען אַ רעגרע-סיווע באַאַרבעטונג, זי מאַכט בטל זייער אַנטוויקלונג, און בייַ דער דאָזיקער רעגרעסיע מוז אָפּפאַלן דאָס אַלץ וואָס עס איז צוגעקומען ווי אַ נייַער אייַנשאַף בשעת די געדעכעניש-בילדער האָבן זיך אַנטוויקלט ווייַטער אין געדאַנקען.

אָט דאָס הייסט עס איז די חלום-אַרבעט. לגבי די פּראָצעסן, מיט וועלכע מיר האָבן זיך דאָ באַקענט, האָט געמוזט אָפּטרעטן ווייַט הינטערווייַלעכץ דער אינטערעס אינעם אָפּנוואָרן חלום. נאָר היות ער איז פאָרט דאָס איינציקע וואָס איז אונדז באַוווסט דירעקט, וויל איך אים אויך אָפּגעבן עטלעכע באַמערקונגען.

ס'איז נאַטירלעך, אַז דער אָפּנוואָרער חלום ווערט אָן בייַ אונדז פון זייַן ווערדע. ס'מוז אונדז אויסקומען אַלץ איינס, צי ער איז גוט קאָמפּאָנירט אָדער ער צעפאַלט זיך אין אַ צאָל פּרט-בילדער אָן אַ צונויפבונד. אַפילו אויב ער האָט יאָ אַ פּראָנטזייַט וואָס ווייַזט אויס צו זייַן זיניק, ווייסן מיר דאָך, אַז זי קען זיך האָבן באַקומען דורך אַ פאַרקרימונג פון חלום און אַז זי קען האָבן פונקט אַזוי ווינציק אָרגאַנישע שייַכות צום אינעווייניקסטן תוכן פון חלום ווי דער פאַסאַד פון אַן איטאַליענישן קלויסטער צו זייַן סטרוקטור און פלאַן. אַן אַנדערש מאָל האָט דער דאָזיקער פאַסאַד פון חלום אויך אַ ווערדע מיט דעם וואָס ער דערלאַנגט אַ וויכטיקן עלעמענט פון די פאַרבאַהאַלטענע חלום-געדאַנקען ווינציק אָדער גאָרניט פאַרקרימט. נאָר אַוווּ מיר האָבן ניט באַשיידט דעם חלום און זייַנען ניט דורך דעם געקומען צו אַן אָפּשאַץ, ביז ווי ווייַט די פאַרקרימונג איז דערגאַנגען, קענען מיר דאָס ניט וויסן. אַן ענלעכער ספק איז אויפן אָרט, אויב עס דוכט זיך אויס, אַז צוויי עלעמענטן אין חלום האָבן אַ נאָענטע שייַכות צווישן זיך. ס'קען דערין שטעקן אַ ווערטיקער רמז, אַז מען מעג צונויפלייגן אין איינעם די ענטפּערס פון די דאָזיקע עלעמענטן

אינעם פֿאַרבאַהאַלטענעם חלום אויך, אָבער אַן אַנדערש מאָל קען מען דערזען, אַז זאַכן, וואָס אין די געדאַנקען קערן זיי זיך אָן מיט אַנאַנד, זײַנען אין חלום פֿונאַנדערגעריסן געוואָרן.

בדרך-כלל מוז מען זיך אָפּהאַלטן פֿון וועלן אויסטײַטשן איין טייל אָפּנוואָרן חלום מתּוך אַן אַנדער טייל, גלײַך דער חלום וואָלט געווען צוגע-טראַכט אַזוי, אַז ער זאָל זיך קלעפּן, גלײַך ער וואָלט געווען אויסגעמאָלט פּראַג-מאַטיש. גיכער איז ער דאָס רובֿ געגליכן צו אַ ברעטשיע-שטיין, געמאַכט פֿון פֿאַרשיידענע ברעקלעך געשטיין מיט דער הילף פֿון אַ מין קלעפּעכץ, אַזוי אַז די צייכענונגען וואָס קומען דערבײַ אַרויס קערן זיך ניט אָן מיט די תּחילתדיקע שטיקער געשטיין. פֿאַראַן טאַקע אַ שטיק חלום-אַרבעט, די אַזוי גערופֿענע סעקונדערע באַאַרבעטונג, וואָס איר עובֿדא איז צו מאַכן פֿון די ערשטיקע רעזולטאַטן פֿון דער חלום-אַרבעט עפּעס אַ גאַנצהייט וואָס זאָל זיך ווי עס איז בינדן. דערבײַ ווערט דער מאַטעריאַל אויסגעסדרט לויט אַ זינען וואָס איז אָפֿט אין גאַנצן קרום פֿאַרשטאַנען, און ווו ס׳איז נייטיק, ווערן אַרײַנגערוקט צוגאָבן אויך.

נאָר צוריק גערעדט טאָר מען ניט איבערשאַצן די חלום-אַרבעט, ניט מיינען, אַז זי קען גאָר אַ סך. מיט די אויסגערעכנטע עובֿדות איז אויסגעשעפּט איר טעטיקייט; מער ווי פֿאַרגעדיכטערן, איבעררוקן, אויסמאָלן פּלאַסטיש און דערנאָך סעקונדער באַאַרבעטן דאָס גאַנצע קען זי ניט. דאָס וואָס עס געפֿינט זיך אין חלום פֿון אַרויסגעזאָגטן אָפּשאַץ, פֿון קריטיק, פֿון חידוש, פֿון געדראַנג,– דאָס זײַנען ניט קיין טױגונגען פֿון דער חלום-אַרבעט, מערניט זייער זעלטן זײַנען דאָס אַרויסווײַזן פֿון איבערטראַכטן דעם חלום, נאָר ס׳רובֿ זײַנען עס שטיקער פֿאַרבאַהאַלטענע חלום-געדאַנקען וואָס זײַנען אַריבער אינעם אָפּנוואָרן חלום פֿיל ווייניק מאָדיפֿיצירטע און צוגעפּאַסטע צו דער גאַנצהייט. קיין רייד קען די חלום-אַרבעט אויך ניט אויפֿשטעלן. אַראָפּגערעכנט קליינע אויסנאַמען, וואָס מען קען אויף זיי אָנווײַזן, זײַנען די רייד אין חלום נאָכפֿורעמונגען און צונויפֿשטעלונגען פֿון רייד וואָס מען האָט געהערט אָדער אַליין געהאַט אין מויל אין טאָג פֿון חלום און וואָס זײַנען אַרײַנגעבראַכט געוואָרן אין די פֿאַר-באַהאַלטענע געדאַנקען ווי מאַטעריאַל אָדער ווי אַנטוועקער פֿון חלום. דאָס אייגענע קען ניט די חלום-אַרבעט מאַכן קיין חשבונות; וואָס עס געפֿינט זיך פֿון דעם מין אינעם אָפּנוואָרן חלום זײַנען ס׳רובֿ צונויפֿשטעלונגען פֿון צאָלן, כמו-חשבונות, וואָס ווי חשבונות זײַנען זיי אין גאַנצן אומזיניק און זיי זײַנען ווידער אַ מאָל נאָר קאָפּיעס פֿון חשבונות אין די פֿאַרבאַהאַלטענע חלום-געדאַנקען. ווי באַלד אַזוי, איז קיין חידוש ניט, וואָס דער אינטערעס וואָס האָט זיך געהאַט אַ קער געטאָן צו דער חלום-אַרבעט נעמט זיך באַלד אַריבערטראָגן פֿון איר צו די פֿאַרבאַהאַלטענע חלום-געדאַנקען, וואָס זיי גיבן זיך אַרויס פֿיל ווינציק פֿאַר-קרימטע דורכן אָפּנוואָרן חלום. ס׳איז אָבער ניט קיין גאַנג, אויב דער דאָזיקער אָפּוואַנד גייט אַוועק אַזוי ווײַט, אַז מען שטעלט אַוועק אין דער טעאָרע-

טישער באַטראַכטונג די פֿאַרבאַהאַלטענע חלום-געדאַנקען אויפֿן אָרט פֿון עצם חלום און מען זאָגט אַרויס וועגן אים דאָס, וואָס עס קען גילטן מערניט פֿאַר זיי. ס'איז מאָדנע, וואָס מען האָט געקענט אויסניצן די רעזולטאַטן פֿון פּסיכאָ-אַנאַליז פֿאַר אַזאַ מין קרומען פֿאַרבײַט. „חלום" קען מען אָנרופֿן מערניט די אונטערשטע שורה פֿון דער חלום-אַרבעט, הייסט עס די פֿאָרם, וואָס אין איר זײַנען אַריבערגעפֿירט געוואָרן דורך דער חלום-אַרבעט די פֿאַרבאַהאַלטענע געדאַנקען.

די חלום-אַרבעט איז אַ פּראָצעס אַ יחיד-במינו, וואָס זײַנס גלײַכן האָט מען אין פּסיכישן לעבן ביז איצטער ניט געקענט. אַזוינע פֿאַרגעדיכטערונגען, איבעררוקן, רעגרעסיווע איבערשטעלונגען פֿון געדאַנקען אויף בילדער זײַנען חידושים, וואָס דאָס דערקענען זיי איז שוין אַ רײַכער שׂכר פֿאַר דעם פּסיכאָאַנאַלי-טיקערס טירחא. אויך קענט איר פֿון די פּאַראַלעלן צו דער חלום-אַרבעט ווידער אַ מאָל אַרויסדרינגען, וואָסערע פֿאַרבינדונגען פֿון די פּסיכאָאַנאַליטישע שטודיעס מיט אַנדערע פֿעלדער עס ווערן אויפֿגעדעקט, ספּעציעל מיט דער אַנטוויקלונג פֿון שפּראַך און פֿון טראַכטן. וואָס נאָך פֿאַר אַ באַטרעף די דאָזיקע דערקענ-טענישן האָבן, וועט איר קענען משער זײַן, ווי באַלד איר וועט געוויר ווערן, אַז די מעכאַניזמען פֿון פֿורעמען אַ חלום זײַנען פּראָטאָטיפּן פֿאַר דעם אופֿן, ווי אַזוי עס קומען אויף די נעוראָטישע סימפּטאָמען.

איך ווייס אויך, אַז מיר קענען נאָך ניט אַרומנעמען מיטן אויג דאָס גאַנצע נײַע געווינס וואָס קומט אַרויס פֿאַר דער פּסיכאָלאָגיע פֿון די דאָזיקע אַרבעטן. מיר ווילן נאָר אָנווײַזן אויף דעם, וואָסערע נײַע ראַיות עס זײַנען צוגעקומען, אַז עס עקסיסטירן אומוויסיקע פּסיכישע אַקטן — די פֿאַרבאַהאַלטענע חלום-געדאַנקען זײַנען דאָך דאָס — און אַז דאָס באַשיידן חלומות זאָגט אונדז צו אַ ברייטן צוגאַנג צו דערקענען דאָס אומוויסיקע פּסיכישע לעבן, אַ ברייטערן ווי מיר האָבן געקענט משער זײַן.

נאָר איצטער איז שוין מיסתמא געקומען די צײַט, איך זאָל אײַך ווײַזן בפּרטיות אויף פֿאַרשיידענע קליינע דוגמאות פֿון חלומות דאָס, צו וואָס איך האָב אײַך צוגעגרייט אויף אַ כּוללדיקן אופֿן.

# אַנאַליזן פֿון חלומות לדוגמא

חשובֿע דאַמען און הערן! שפּירט זיך ניט איצט אָפּגענאַרט, אויב איך וועל אײַך איבער אַ נײַס אונטערטראָגן פֿראַגמענטן פֿון חלום־באַשיידונגען אָנשטאָט איך זאָל אײַך פֿאַרבעטן אָנטייל צו נעמען אין באַשיידן אַ שיינעם גרויסן חלום. איר וועט זאָגן, אַז נאָך אַזוי פֿיל הכנות קומט דאָס אײַך, און איר וועט אַרויסזאָגן אײַער איבערצײַגונג, אַז נאָך דעם ווי ס׳איז געראָטן צו באַשיידן אַזוי פֿיל טויזנטער חלומות, האָט שוין לאַנג געמוזט זײַן אַ מיגלעכקייט צונויפֿצוברענגען אַ קאָלעקציע אויסגעצייכנטע דוגמאות פֿון חלומות, וואָס אויף זיי זאָלן זיך לאָזן דעמאָנסטרירן אַלע אונדזערע טעזיסן וועגן חלום־אַרבעט און חלום־געדאַנקען. יאָ, נאָר די שוועריקייטן וואָס שטייען אין וועג בײַם אויספֿאָלגן אײַער פֿאַרלאַנג זײַנען צו גרויס אין צאָל.

קודם מוז איך זיך מודה זײַן, אַז ס׳איז ניטאָ קיינער, וואָס באַשיידן חלומות זאָל זײַן זײַן עיקר באַשעפֿטיקונג. וואָרעם ווען קומט אויס צו באַשיידן חלומות? בײַ אַ געלעגנהייט קען מען זיך פֿאַרנעמען אָן אַ באַזונדער כוונה מיט די חלומות פֿון אַ גוטן פֿרײַנד, אָדער מען אַרבעט אַ שטיק צײַט אויף אייגענע חלומות, כּדי אויסצושולן זיך פֿאַר פּסיכאָאַנאַליטישער אַרבעט; איבער הויפּט אָבער האָט מען צו טון מיט די חלומות פֿון נערוועזע מענטשן וואָס זײַנען אין אַן אַנאַליטישער קוראַציע. זייערע חלומות זײַנען אַן אויסגעצייכנטער מאַטעריאַל און זײַנען אין קיין פּרט ניט הינטערשטעליק אַנטקעגן די חלומות פֿון געזונטע, נאָר דורך דער טעכניק פֿון קורירן איז מען געניייט צו פֿאַרבייגן די באַשיידונג פֿון חלומות צוליב די טעראַפּעווטישע כוונות, און אַ היפּשע צאָל חלומות מוז מען לאָזן שטיין נאָך דעם ווי מען האָט אַרויסגענומען פֿון זיי עפּעס וואָס טויג פֿאַר דער קוראַציע. טייל חלומות וואָס פֿאַרלויפֿן זיך בשעת דער קוראַציע לאָזן זיך בכלל ניט באַשיידן בשלימות. היות זיי זײַנען ניצמח געוואָרן פֿון דעם גאַנצן סכום פּסיכישן מאַטעריאַל וואָס איז אונדז נאָך ניט באַוווסט, ווערט מיגלעך צו פֿאַרשטיין זיי ערשט נאָך דעם ווי די קוראַציע איז פֿאַרענדיקט. אויך וואָלט דאָס איבערגעבן אַזוינע חלומות געפֿאָדערט, מען זאָל אויפֿדעקן אַלע סודות פֿון נעווראָז. ממילא גייט דאָס ניט אָן בײַ אונדז, וואָס מיר האָבן זיך גענומען צום חלום ווי צו אַ צוגרייטונג בײַם שטודירן די נעווראָזן.

נו, איר וואָלט גערן געווען מותּר צו זײַן אויף דעם אָ מאַטעריאַל און איר וואָלט בעסער געווען בעלנים צו הערן אויסגעטײַטשט חלומות פֿון געזונטע

מענטשן אָדער אײַערע אייגענע חלומות. דאָס שיקט זיך אָבער ניט, איבער דעם אינהאַלט פֿון די דאָזיקע חלומות. ניט זיך אַליין און ניט קיין אַנדערן, וואָס אויף זײַן צוטרוי האָט מען פרעטענדירט, קען מען ניט אויסבלייזן אַזוי אומברחמנותדיק, ווי דאָס וואָלט געפֿאָדערט אַ בפּרטיותדיקע באַשיידונג פֿון זײַנע חלומות, וואָס זיי זײַנען נוגע, ווי איר ווייסט שוין, דאָס סאַמע אינטימע פֿון זײַן פערזענלעכקייט. אַחוץ דער דאָזיקער שווערקייט פֿון אײַנשאַפֿן זיך דעם מאַטעריאַל קומט צו נאָך עפּעס, בשעת עס גייט וועגן איבערגעבן. איר ווייסט, דער חלום קומט אויס אויסטערליש בײַם בעל־חלום גופֿא, ווער רעדט נאָך בײַ אַן אַנדערן וואָס קען ניט די פערזאָן פֿונעם בעל־חלום. אונדזער ליטעראַטור איז ניט אָרעם אין גוטע און פרטימדיקע אַנאַליזן פֿון חלומות; איך אַליין האָב פובליקירט עטלעכע אין גבֿול פֿון קראַנקייט־געשיכטעס; די שענסטע דוגמא פֿון באַשיידן אַ חלום איז אפֿשר די וואָס אָ. ראַנק האָט געגעבן, צוויי צווישן זיך געבונדענע חלומות פֿון אַ יונגער מיידל, וואָס פֿאַרנעמען אין דרוק בײַ צוויי זײַטלעך; און דער אַנאַליז דערצו נעמט אַרום 76 זײַטלעך. איך וואָלט געדאַרפֿט האָבן אַ גאַנצן סעמעסטער, כּדי אײַך אַדורכצופֿירן דורך אַזאַ אַרבעט. ווען מען נעמט זיך צו עפּעס אַ לענגערן און שטאַרקער פֿאַרקרימטן חלום, מוז מען מוסיף זײַן אַזוי פֿיל פּירושים, מצרף זײַן אַזוי פֿיל מאַטעריאַל פֿון אײַנפֿאַלן און זכרונות, אַוועקלאָזן זיך אויף אַזוי פֿיל זײַטיקע וועגן, אַז אַ לעקציע וועגן דעם וואָלט אַרויסגעקומען לחלוטין ניט איבערבליקלעך און ניט צופֿרידנשטעליק. מוז איך אײַך בעטן הייסט עס, איר זאָלט זיך באַנוגענען מיט דעם וואָס מען קען באַקומען גרינגער, מיט קליינע שטיקער חלומות פֿון נעווראָטישע פערזאָנען, וואָס אויף זיי קען מען דערקענען דאָס אָדער יענץ איזאָלירטערהייט. צום גרינגסטן לאָזן זיך דעמאָנסטרירן די חלום־סימבאָלן, ווײַטער נאָך געוויסע ספּעציפֿישקייטן פֿון דער רעגרעסיווער חלום־אויסמאָלונג. וועגן יעדערן פֿון די חלומות וואָס גייען איצט וועל איך אײַך אָנווײַזן, פֿאַר וואָס איך האָב גערעכנט, אַז ער איז געווען ראָוי, איך זאָל אים איבערגעבן.

1) אַ חלום שטעלט זיך צונויף נאָר פֿון צוויי קורצע בילדער:

זײַן פֿעטער רייכערט אַ פּאַפּיראָס, הגם ס׳איז שבת.—
אַ פֿרוי גלעט און צערטלט אים ווי אירס אַ קינד.

אויפֿן ערשטן בילד זאָגט דער בעל־חלום (אַ ייִד), אַז זײַן פֿעטער איז אַ ירא־שמים וואָס האָט קיין מאָל אַזאַ עבֿירה ניט געטאָן און וואָלט ניט טון. וועגן דער פֿרוי אין צווייטן בילד קומט אים ניט קיין שום אַנדער אײַנפֿאַל ווי זײַן מוטער. אָט די ביידע בילדער אָדער געדאַנקען דאַרף מען משמעות אַוועקשטעלן אין אַ שײַכות. נאָר ווי אַזוי? היות ער האָט בפּירוש געלייקנט אין דער רעאַלקייט פֿון אַזוינע מעשׂים בײַ זײַן פֿעטער, בעט זיך צוצוגעבן אַ „ווען״. „ווען מײַן פֿעטער דער צדיק זאָל געווען רייכערן אום שבת אַ פּאַפּיראָס, וואָלט איך געמעגט זיך לאָזן פעסטען פֿון דער מוטער״. דאָס באַטײַט משמעות, אַז דער מוטערס פעסטען איז אויך אָסור פּונקט ווי דאָס רייכערן

אום שבת בײַ אַ פֿרומען ייִדן. איר דערמאָנט זיך, אַז איך האָב אײַך געזאָגט, אַז בײַ דער חלום־אַרבעט פֿאַלן אָפּ אַלע באַציִונגען צווישן די חלום־געדאַנקען; די חלום־געדאַנקען צעלײגן זיך אין זייער רוי־מאַטעריאַל, און ס׳איז די עובֿדא פֿונעם באַשיידן ווידער אײַנצושטעלן צוריק די פֿאַרפֿעלטע באַציִונגען.

2) דורך מײַנע פּובליקאַציעס וועגן חלום בין איך אין אַ געוויסער מאָס געוואָרן אַן עפֿנטלעכער בעל־יועץ אין חלום־עינינים, און פֿון אַ צײַט מיט יאָרן באַקום איך בריוו פֿון פֿאַרשיידענע זײַטן, ווו מען לאָזט מיך וויסן חלומות אָדער מען בעט מיך זאָגן אויף זיי מבֿינות. געוויינטלעך קום איך אַ דאַנק די אַלע וואָס גיבן צו צום חלום אַזוי פֿיל מאַטעריאַל, אַז ס׳ווערט מיגלעך אים צו באַשיידן, אָדער וואָס גיבן אַליין אַ באַשייד. צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע איז שייך דער חלום פֿון אַ מעדיקער אין מינכען פֿון יאָר 1910. איך ברענג אים, וואָרעם ער קען אײַך דערווײַזן, ווי אומצוטריטלעך אַ חלום איז בדרך־כּלל צום פֿאַרשטיין, איידער דער בעל־חלום האָט אונדז געגעבן זײַנע אינפֿאָרמאַציעס וועגן דעם. וואָרעם איך בין משער, אַז בעצם האַלט איר פֿאַרן אידעאַלן גאַנג פֿון באַשיידן חלומות דאָס באַשיידן דורך אַרײַנשטעלן דעם סימבאָלישן באַטײַט, און די טעכניק פֿון אַסאָציִירן צום חלום וואָלט איר ווען אָפּרוקן אין אַ זײַט; וויל איך אײַך אַרויספֿירן פֿון אָט דעם שעדלעכן טעות.

דעם 13טן יולי 1910: באַגינען חלומט זיך מיר: איך פֿאָר אַראָפּ גאַס אין טיבינגען אויף אַ ביציקל, יאָגט זיך הינטער מיר אַ ברוינער טאַקס און כאַפּט מיך אָן פֿאַר דער פּיאַטע. אַ שטיק ווײַטער גיי איך אַראָפּ, זעץ זיך אויף אַ טרעפּל און הייב אָן צו האַקן אין דער חיה וואָס האָט זיך פֿעסט אַרײַנגעביסן. (קיין אומאײַנגענעמע געפֿילן האָב איך ניט, ניט פֿון בײַסן און ניט פֿון דער גאַנצער סצענע). אַנטקעגן מיר זיצן אַ פּאָר עלטערע דאַמען וואָס קוקן אויף מיר מיט אַ חוזקדיקן געלעכטער. דאָ כאַפּ איך זיך אויף און, ווי שוין ניט איין מאָל, אין דעם דאָזיקן מאָמענט פֿון אַריבערגיין צו דער וואָר איז מיר קלאָר דער חלום.

מיט סימבאָלן קען מען דאָ קנאַפּ וואָס אויפֿטון. דער בעל־חלום גיט אונדז אָבער איבער: „אין דער לעצטער צײַט האָב איך זיך אײַנגעליבט אין אַ מיידל, נאָר אַזוי, פֿון זען זיך אין גאַס, אָבער איך האָב ניט געהאַט קיין שום געלעגנהייט זיך צו באַקענען. די אײַנגענעמסטע געלעגנהייט וואָלט געקענט זײַן פֿאַר מיר דער טאַקס, בפֿרט, אַז איך בין אַ גרויסער פֿרײַנד פֿון בעלי־חיים, און די דאָזיקע אייגנשאַפֿט איז מיר בײַ דער מיידל אויך געווען סימפּאַטיש". אויך גיט ער צו, אַז ניט איין מאָל האָט ער מיט גרויס בריהשקייט, אַזוי אַז אָפֿט פֿלעגן די צוזעער זײַן פֿאַרחידושט, אַרײַנגעמישט זיך אין די קאַמפֿן פֿון הינט וואָס האָבן זיך געריסן צווישן זיך. ווערן מיר געוויר הייסט עס, אַז די מיידל וואָס איז אים געפֿעלן געוואָרן פֿלעגט מען תּמיד זען באַלייט פֿון דעם אָ ספּעציעלן הונט. די מיידל איז אָבער דערווײַטערט געוואָרן

פֿונעם אָפּגעוואָרן חלום, איבערגעבליבן איז נאָר דער הונט וואָס איז מיט איר אַסאָציִירט. אפֿשר זײַנען די עלטערע דאַמען וואָס לאַכן צו אים חוזקדיק געקומען אויפֿן אָרט פֿון דער מיידל. דאָס וואָס ער גיט נאָך חוץ דעם איבער קלעקט ניט אויף אויפֿצוקלערן דעם פּונקט. דאָס וואָס אין חלום פֿאָרט ער אויף אַ ביציקל איז אַן איבערחזרונג ממש פֿון דער סיטואַציע וואָס ער געדענקט. די מיידל מיטן הונט פֿלעגט ער תמיד באַגעגענען נאָר ווען ער פֿלעגט פֿאָרן אויפֿן ביציקל.

3) אויב עמעצער האָט פֿאַרלוירן וועמען פֿון זײַנע טײַערע אייגענע, פּראָדוּצירט ער נאָך דעם אַ היפּשע צײַט חלומות פֿון אַ באַזונדערן מין, ווי דאָס וויסן וועגן דעם טויט מאַכט די משוגעהדיקסטע פּשרות מיט דער באַדערפֿעניש צו מאַכן דעם טויטן אויפֿשטיין תּחית-המתים. אָט איז דער אָפּגעשטאָרבענער טויט און פֿאָרט לעבט ער ווײַטער, ווארעם ער ווייס ניט, אַז ער איז טויט, און ווען ער זאָל דאָס וויסן, וואָלט ער ערשט געוועזן געשטאָרבן אין גאַנצן; אָט איז ער האַלב טויט און האַלב לעבעדיק, און יעדערער פֿון די דאָזיקע מצבֿים האָט זײַנע באַזונדערע סימנים. מען טאָר ניט פּשוט אָנרופֿן די דאָזיקע חלומות אומזיניקע, ווארעם תּחית-המתים געשיקט זיך אין חלום ניט ווינציקער ווי אַ שטייגער אינעם מצשהלע, וואָז דאָרט איז עס אַ דבֿר בכל יום. אויף וויפֿל איך האָב געקענט אַנאַליזירן אַזוינע חלומות, פֿלעגט זיך באַקומען, אַז זיי לאָזן זיך אויפֿפּלאָנטערן אויף אַ בר-דעתדיקן גאַנג, נאָר אַז דער פּיעטעטישער פֿאַרלאַנג מחיה-מתים צו זײַן דעם טויטן איז אַ בריה צו אַרבעטן מיט די סאַמע מאָדנע מיטלען. איך גיב אײַך דאָ אַזאַ חלום וואָס קלינגט גענוג משוגעהדיק און אומזיניק און וואָס זײַן אַנאַליז וועט אײַך צוטראָגן אַ סך פֿון דעם, צו וואָס איר זײַט צוגעגרייט דורך אונדזערע טעאָרעטישע אַרויסברענגונגען. דער חלום פֿון אַ מאַן וואָס האָט מיט עטלעכע יאָר פֿריִער געהאַט פֿאַרלוירן זײַן פֿאָטער:

דער פֿאָטער איז געשטאָרבן, נאָר מען האָט אים אויסגעגראָבן און ער זעט אויס שלעכט. פֿון יעמאָלט אָן לעבט ער ווײַטער, און דער בעל-חלום טוט אַלץ וואָס ער קען, ער זאָל דאָס ניט באַמערקן. (דערנאָך גייט דער חלום אַריבער צו אַנדערע ענינים וואָס זײַנען דוכט זיך זייער ווײַט.)

דער פֿאָטער איז געשטאָרבן, דאָס ווייסן מיר. אַז מען האָט אים אויסגעגראָבן, שטימט ניט מיט דער רעאַליטעט, וואָס בײַ אַלע ווײַטערדיקע זאַכן דאַרף מען זי דאָך אויך ניט נעמען אין באַטראַכט. נאָר דער בעל-חלום דערציילט: נאָך דעם ווי ער האָט זיך אומגעקערט פֿונעם פֿאָטערס לוויה, האָט אים אָנגעהויבן וויי טון אַ צאָן. ער האָט זיך געוואָלט באַגיין מיט דעם צאָן כּפֿי בײַ יידן פֿירט זיך: אויב דײַן צאָן מאַטערט דיך, רײַס אים אַרויס; איז ער אַוועק צום ציינדאָקטאָר. נאָר יענער האָט געזאָגט: קיין צאָן רײַסט מען ניט, מען מוז האָבן מיט אים געדולד. כ'וועל עפּעס אַרײַנלייגן אָפּצוטייטן אים; אין דרײַ טעג אַרום קומט ווײַטער, וועל איך דאָס אַרויסנעמען.

Ex bibl. univ. Tart.

אָט דאָס „אַרויסנעמען״, זאָגט פלוצלינג דער בעל-חלום, איז דאָס אויסגראָבן.

צי איז דער בעל-חלום ניט אַ מאָל גערעכט? ס׳שטימט אַפילו ניט אין גאַנצן, מער ניט אַן ערך, וואָרעם מען נעמט דאָך ניט אַרויס דעם צאָן, נאָר עפּעס פון אים, דאָס אָפּגעשטאָרבענע. אָבער אויפן סמך פון פריערדיקן געפּרווו מעגן מיר זיך אַוודאי ריכטן אין דער חלום-אַרבעט אויף אַזוינע אומפּינקטלעכקייטן. אויב אַזוי, קומט אויס, אַז דער בעל-חלום האָט פאַרגעדיכטערט, אויפגעשמאָלצן אין איינעם דעם אָפּגעשטאָרבענעם פאָטער מיטן אָפּגעטייטן און פאָרט אויפגעהיטן צאָן. איז קיין חידוש ניט, אַז אינעם אָפּנוואָרן חלום קומט אַרויס עפּעס אומזיניקס, וואָרעם ניט אַלץ וואָס ווערט געזאָגט אויפן צאָן קען דאָך פּאַסן אויפן פאָטער. ווו איז בכלל צווישן צאָן און פאָטער דער צד-השווה וואָס מאַכט מיגלעך אָט די פאַרגעדיכטערונג?

ס׳מוז אָבער פאָרט זיין אַזוי, וואָרעם דער בעל-חלום זאָגט ווייטער, אַז ס׳איז אים באַוווסט, אַז אויב עס חלומט זיך אַן אַרויסגעפאַלענער צאָן, איז דער טייטש, אַז מען וועט פאַרלירן אַ מיטגליד פון דער מישפּחה.

מיר ווייסן, אַז דער דאָזיקער פאָפּולערער באַשייד איז ניט ריכטיק, אָדער ריכטיק לפּחות נאָר אין אַ ליצנותדיקן זינען. ווי באַלד אַזוי, וועט פאַר אונדז זיין נאָך אַ גרעסערער סורפּריז, ווען מיר וועלן פאָרט אָפּזוכן די אָנגערירטע טעמע הינטער די אַנדערע שטיקער פונעם חלום-אינהאַלט.

ניט וואַרטנדיק, מען זאָל אים פרעגן ווייטער, הייבט איצט אָן דער בעל-חלום צו דערציילן וועגן דעם פאָטערס קראַנקייט און טויט און וועגן זיינע באַציִונגען צו אים. דער פאָטער איז לאַנג געווען קראַנק, דאָס גיין אַרום דעם קראַנקן און די קוראַציע האָבן אים, דעם זון, אָפּגעקאָסט אַ סך געלט. און פאָרט איז אים דאָס קיין מאָל ניט געווען צו שווער, ער איז קיין מאָל ניט אַרויס פון געדולד, ער האָט קיין מאָל ניט געהאַט דעם פאַרלאַנג, ס׳זאָל זיך שוין ענדיקן. ער באַרימט זיך, אַז ער האָט געהאַט צום פאָטער עכט ייִדישע פּיעטעט, ער האָט שטרענג אָפּגעהיט וואָס אין דער תורה שטייט. צי וואַרפט זיך אונדז דאָ ניט אין די אויגן אַ סתירה אין די געדאַנקען וואָס זיינען שייך צום חלום? ער האָט געהאַט אידענטיפיצירט דעם צאָן און דעם פאָטער. מיטן צאָן האָט ער זיך געוואָלט באַגיין לויטן ייִדישן מינהג וואָס האָט געהייסן אים אַרויסרייסן, אויב ער פאַרשאַפט ווייטאָג און מאַטערניש. מיטן פאָטער, האָט ער געהאַלטן, איז ער זיך אויך באַגאַנגען ווי אין פסוק שטייט, נאָר דאָ הייסט דער פסוק ניט זשאַלעווען קיין הוצאה און קיין מאַטערניש, נעמען אויף זיך אַלע שווערקייטן און ניט לאָזן אין זיך אויפקומען קיין פיינדלעכע כוונה קעגן דעם אָביעקט וואָס פאַרשאַפט דעם ווייטאָג. צי וואָלט ניט די איינשטימיקייט געווען אַ סך צווינגענדיקער, אויב ער וואָלט טאַקע געהאַט אַנטקעגן דעם קראַנקן פאָטער ענלעכע געפילן ווי אַנטקעגן דעם קראַנקן צאָן, דאָס הייסט אויב עס וואָלט זיך אים געוואָלט, אַז אַ גיכער טויט זאָל מאַכן אַ סוף צו זיין איבעריקער, ווייטאָגדיקער און טייערער עקסיסטענץ?

איך ספֿק ניט, אַז דאָס איז טאַקע געווען זײַן שטעל אַנטקעגן דעם פֿאָטער בשעת יענעמס פֿאַרשלעפּטער קראַנקייט און אַז די באַרימערישע פֿאַרזיכערונגען וועגן זײַן פֿרומער פּיעטעט זײַנען אויסן אָפּצוציִען פֿון די דאָזיקע זיכרונות. בײַ אַזוינע באַדינגונגען נעמט זיך וועקן דער פֿאַרלאַנג פֿון טויט פֿאַרן געבוירער, און ער דעקט זיך מיט דער מאַסקע פֿון אַ רחמנותדיקן איבערקלער: פֿאַר אים וואָלט דאָס געווען אַ ישועה. באַמערקט אָבער גוט, אַז דאָ זײַנען מיר אין די פֿאַרבאַהאַלטענע חלום-געדאַנקען גופֿא אַריבער איבער אַ פֿאַרצאַמונג. דער ערשטער חלק זייערער איז געווען געוויס אומוויסיק נאָר אויף אַ ווײַלע, דאָס הייסט בשעת דער חלום האָט זיך געפֿורעמט; די שׂינאהדיקע וועקונגען קעגן דעם פֿאָטער זײַנען אָבער מיסתּמא געווען דויערדיק אומוויסיקע, אפֿשר האָבן זיי געשטאַמט פֿון די קינדערשע צײַטן און פֿלעגן זיך בשעת דעם פֿאָטערס קראַנקייט ווען ניט ווען שעמעוודיק און מאַסקירטערהייט אַרײַנגנבֿענען אין דער וויסיקייט אַרײַן. מיט נאָך מער זיכערקייט קענען מיר דאָס זאָגן וועגן אַנדערע פֿאַרבאַהאַלטענע געדאַנקען וואָס האָבן אַרײַנגעגעבן אַ בפּירושן צושטײַער אינעם חלום-אינהאַלט. פֿון די שׂינאהדיקע וועקונגען קעגן דעם פֿאָטער קען מען דאָך אין חלום קיין זאַך ניט געפֿינען. נאָר נאָכשפּירנדיק אין קינדערשן לעבן נאָכן וואָרצל פֿון אַזאַ שׂינאהדיקייט קעגן דעם פֿאָטער דערמאָנען מיר זיך, אַז די מורא פֿאַרן פֿאָטער ווערט נולד, ווײַל ער שטעלט זיך אַנטקעגן נאָך אין די פֿריִיקסטע יאָרן אַנטקעגן דער סעקסועלער אַקטיווקייט פֿונעם ייִנגל, פּונקט ווי ער מוז דאָס בדרך-כּלל איבערחזרן פֿון סאָציאַלע טעמים וועגן אין די יאָרן נאָך דער צײַטיקונג. אָט די באַציִונג צום פֿאָטער איז פֿאַראַן בײַ אונדזער בעל-חלום אויך; אין זײַן ליבע צו אים איז געווען אַרײַנגעמישט גענוג דרך-ארץ און פּחד וואָס זײַנען געווען געקומען פֿונעם קוואַל פֿון פֿריִיקער סעקסועלער אָנשרעקונג.

מתּוך דעם אָנאַניסטישן קאָמפּלעקס לאָזן זיך איצט פֿאַרשטיין די ווײַטערדיקע זאַצן פֿונעם אָפּנוואָרן חלום. ער זעט אויס שלעכט איז אַפֿילו מרמז אויף דעם ציינדאָקטאָרס ווײַטערדיקע רייד, אַז עס זעט אויס ניט שיין, אויב עס פֿעלט אַ צאָן אויף דעם אָרט; נאָר פֿאַר איינס איז דאָס שייך צום שלעכט אויסזען, וואָס דערמיט גיט דער יונגער מאַן אין דער צײַטיקונג אַרויס, אָדער האָט מורא, אַז ער וועט אַרויסגעבן, זײַן איבערמאָסיקע סעקסועלע אַקטיווקייט. ס'איז דעם בעל-חלום געוואָרן גרינגער, וואָס ער האָט אין אָפּנוואָרן אינהאַלט אָוועקגערוקט פֿון זיך צום פֿאָטער דאָס שלעכט אויסזען — איינע פֿון יענע איבערקערונגען אין דער חלום-אַרבעט, וואָס איר קענט. פֿון יעמאָלט אָן לעבט ער ווײַטער דעקט זיך מיטן פֿאַרלאַנג פֿון תּחית-המתים און אויך מיטן ציינדאָקטאָרס צוזאָג, אַז דער צאָן וועט בלײַבן אויפֿגעהיט. נאָר דער זאַץ „דער בעל-חלום טוט אַלץ וואָס ער קען, אַז ער [דער פֿאָטער] זאָל דאָס ניט באַמערקן“—איז גאָר אויף אַ ראַפֿינירטן אופֿן אויסן אונטערצורוקן אונדז דעם צוגאָב, אַז ער איז געשטאָרבן. דער איינציקער

זיניקער צוגאָב באַקומט זיך אָבער ווידער פֿונעם אָנאַניסטישן קאָמפּלעקס, ווי ס'איז קלאָר פֿון זיך אַליין, אַז דער בחור טוט אַלץ אויף צו באַהאַלטן פֿונעם פֿאָטער זײַן סעקסועל לעבן. דערמאָנט זיך איצט לסוף, אַז די אַזוי גערופֿענע חלומות וועגן רייצונגען אין די ציין האָבן מיר תמיד געמוזט באַשיידן אויף אָנאַניזם און אויף מורא פֿאַר אַ שטראָף דערפֿאַר.

איר זעט איצט, ווי אַזוי ס'האָט זיך צוינויפֿגעשטעלט אָט דער אומפֿאַרשטענדלעכער חלום. דורך שאַפֿן אַ משונהדיקע און פֿאַרפּירערישע פֿאַרגעדיכטערונג, דורך איבערהיפּערן אַלע געדאַנקען אינעם מיטן פֿון דעם פֿאַרבאַהאַלטענעם גאַנג געדאַנקען און דורך שאַפֿן פּילטײַטשיקע במקום-פֿורעמונגען פֿאַר די טיפֿסטע און אין צײַט ווײַטסטע פֿון די דאָזיקע געדאַנקען.

4) מיר האָבן שוין ניט איין מאָל געפּרוּווט בײַקומען יענע ניכטערע און באַנאַלע חלומות וואָס האָבן ניט אין זיך קיין אומזיניקס אָדער אויסטערלישס, נאָר וואָס בײַ זיי שטייט אויף אַ פֿראַגע: צו וואָס חלומען זיך אַזעלכע פּוסטע זאַכן? וועל איך ברענגען אַ נײַע דוגמא פֿון דעם מין, דרײַ חלומות פֿון אַ יונגער פֿרוי וואָס זײַנען שייך צו אַנאַנד, געחלומטע אין איין נאַכט.

א) זי גייט דורכן פֿאָדער-צימער פֿון איר הויז און צעבלוטיקט זיך דעם קאָפּ אין דער טיף אַראָפּהענגענדיקער לוסטרע.

קיין שום געדעכעניש, קיין זאַך ניט וואָס זאָל זיך האָבן פֿאַרלאָפֿן באמת. איר אינפֿאָרמאַציע וועגן דעם פּירט אַרויף גאָר אויף אַנדערע וועגן. „איר ווייסט, ווי שטאַרק מיר קריכן אויס די האָר. קינד, האָט די מאַמע נעכטן געזאָגט צו מיר, אויב דאָס זאָל גיין ווײַטער אַזוי, וועסטו באַלד האָבן אַ קאָפּ ווי אַ הינטן". דער קאָפּ שטייט דאָ הייסט עס פֿאַר דעם אַנדערן ענד גוף. די לוסטרע קענען מיר אָן צוהילף פֿאַרשטיין סימבאָליש; אַלע חפֿצים וואָס לאָזן זיך פֿאַרלענגערן זײַנען סימבאָלן פֿונעם מענערשן אבֿר. הייסט עס דאָ גייט וועגן אַ בלוטיקונג בײַם אונטערשטן טייל גוף, וואָס איז אַרויסגעקומען פֿון אַ צוזאַמענשטויס מיטן פּעניס. דאָס וואָלט נאָך געקענט האָבן עטלעכע טײַטשן; אירע ווײַטערדיקע אײַנפֿאַלן ווײַזן, אַז דאָ גייט וועגן דעם גלויבן, אַז די בלוטיקונג בײַ דער מענסטרואַציע קומט פֿון סעקסועלע באַציִונגען מיט אַ מאַנצביל — אַ שטיק סעקסועלע טעאָריע, וואָס אין איר גלייבן אַ סך ניט-צײַטיקע מיידלעך.

ב) זי זעט אין ווײַנגאָרטן אַ טיפֿע גרוב און זי ווייס פֿון איר, אַז דאָס איז געוואָרן פֿון אויסרײַסן אַ בוים. דערצו אירע אַ באַמערקונג, אַז עס פֿעלט איר דערבײַ דער בוים. מיינען מיינט זי, אַז זי האָט אין חלום ניט געזען דעם בוים. נאָר דער זעלבער נוסח דינט אויף אויסצודריקן אַן אַנדער געדאַנק, וואָס ער פֿאַרזיכערט איצטער אין גאַנצן דעם סימבאָלישן באַשייד. דער חלום איז שייך צו אַן אַנדער שטיק אינפֿאַנטילע סעקסועלע טעאָריעס, צום גלויבן, אַז תּחילת האָבן מיידלעך געהאַט דעם זעלבן געשלעכט-אָרגאַן ווי ייִנגלעך און אַז די שפּעטערדיקע פֿאָרם איז געוואָרן דורך קאַסטראַציע (אַרויסרײַסן אַ בוים).

ג) זי שטייט פֿאַרן שופֿלאָד פֿון איר שרײַבטיש, ווו זי איז אַזוי גוט באַהאַוונט, אַז זי ווייס תּיכּף, צי עמעצער האָט זיך געהאַט צוגערירט. דער שופֿלאָד פֿון שרײַבטיש איז פּונקט ווי יעדער שופֿלאָד, קאַסטן, פּודעלע דער פֿרויִשער געשלעכט-אָרגאַן. זי ווייס, אַז אויפֿן געשלעכט-אָרגאַן קען מען דערקענען די סימנים פֿון סעקסועלע באַציִונגען (זי מיינט, אַז פֿון צורירן זיך אויך), און זי האָט לאַנג מורא געהאַט, אַז מען וועט זי כאַפּן דערבײַ. איך האַלט, אַז דעם טראָפּ דאַרף מען אין די אַלע דרײַ חלומות שטעלן אויפֿן ווייסן. זי דערמאָנט זיך אין דער צײַט פֿון איר קינדערשער סעקסועלער פֿאָרשונג, וואָס מיט אירע רעזולטאַטן האָט זי יעמאָלט היפּש שטאָלצירט.

5) ווידער אַ מאָל אַ שטיקל סימבאָליק. נאָר דאָס מאָל מוז איך אַוועקשטעלן פֿריִער אַ קורצע הקדמה וועגן דער פּסיכישער סיטואַציע. אַ העֶר וואָס האָט פֿאַרבראַכט אַ ליבענאַכט מיט אַ פֿרוי מאָלט אָפּ זײַן פּאַרטנערין ווי איינע פֿון יענע מוטערישע נאַטורן וואָס אין די ליבע-באַציִונגען מיטן מאַנצביל רײַסט זיך בײַ זיי דורך, ניט בײַצוקומען, דער פֿאַרלאַנג נאָך אַ קינד. די באַדינגונגען פֿון יענעם צונויפֿטרעף נייטן אָבער צו זײַן אָפּגעהיט און ניט צו דערלאָזן צו דער פֿרויס טראַכט דעם באַפֿרוכפּערנדיקן שטראָם זרע. בײַם אויפֿכאַפּן זיך פֿון דער דאָזיקער נאַכט דערציילט די פֿרוי אַזאַ חלום:

אַן אָפֿיציר אין אַ רויטן היטל יאָגט זיך נאָך איר אין גאַס. זי אַנטלויפֿט פֿון אים, לויפֿט אַרויף אויף די טרעפּ, ער אַלץ נאָך איר. אָן אַן אָטעם קומט זי אָן בײַ זיך אין וווינונג און גיט אַ פֿאַרהאַק הינטער זיך די טיר. ער בלײַבט אין דרויסן, און ווי זי גיט אַ קוק דורכן טירפֿענצטערל, זיצט ער אין דרויסן אויף אַ באַנק און וויינט.

איר דערקענט מיסתּמא אינעם נאָכיאָגן זיך פֿונעם אָפֿיציר מיטן רויטן היטל און אינעם אַרויפֿלויפֿן אָן אַן אָטעם אַן אויסמאָלונג פֿונעם סעקסועלן אַקט. דאָס וואָס די בעל-חלומטע שליסט זיך אָפּ פֿונעם נאָכיאָגער מעג אײַך דינען פֿאַר אַ דוגמא פֿון די איבערקערונגען וואָס ווערן אַזוי אָפֿט גענוצט אין חלום, וואָרעם אויף אַן אמת האָט דאָך דער מאַנצביל אויסגעמיטן צו פֿאַרענדיקן דעם ליבעאַקט. אויך איז איר טרויעריקייט אַריבערגערוקט אויף איר פּאַרטנער, ער איז דאָך דער וואָס וויינט אין חלום, וואָס דערמיט איז פֿאַר איינס געגעבן אַ רמז אויפֿן אויסשטראָם פֿון דער זרע.

ס׳איז אײַך אַוודאי אויסגעקומען צו הערן, אַז דער פּסיכאָאַנאַליז טענהט, אַז אַלע חלומות האָבן אַ סעקסועלן פּשט. ערשט האָט איר אַליין געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צו שאַפֿן אַן אָפּשאַץ, ווי אומקאָרעקט עס איז די דאָזיקע פּרעטענזיע. איר האָט זיך באַקענט מיט די פֿאַרלאַנג-חלומות, וואָס זייער אינהאַלט איז די באַפֿרידיקונג פֿון די באַנײַמפּערלעכסטע באַדערפֿענישן, פֿון הונגער, דאָרשט, בענקשאַפֿט נאָך פֿרײַקייט, מיט די חלומות פֿון באַקוועמקייט און פֿון

אומגעדולד און אויך מיט די ריין גײַציקע און עגאָיִסטישע. אָבער אַז די שטאַרק פֿאַרקרימטע חלומות ברענגען אַרויס דער עיִקר (ווידער אַ מאָל ניט דורכויס) סעקסועלע פֿאַרלאַנגען — דאָס מעגט איר טאַקע איבערלאָזן אין אײַער זיכּרון ווי אַ רעזולטאַט פֿון דער פּסיכאָאַנאַליטישער פֿאָרשונג.

6) איך האָב אַ באַזונדערן טעם, פֿאַר וואָס איך גיב נאָך און נאָך דוגמאות פֿאַר ניצן סימבאָלן אין חלום. בײַ אונדזער ערשטן צונויפֿטרעף האָב איך זיך געקלאָגט, ווי שווער עס איז בײַם לערנען פּסיכאָאַנאַליז צו דעמאָנסטרירן, און ממילא צו דערוועקן איבערגעצײַגטקייט, און פֿון יעמאָלט אָן האָט איר אַוודאי אײַנגעשטימט מיט מיר. נאָר די איינציקע טעזיסן פֿון פּסיכאָאַנאַליז זײַנען דאָך אָבער אַזוי אינטים אויפֿגעקניפּט צווישן זיך, אַז די איבערגעצײַגטקייט קען זיך גרינג אַריבערטראָגן פֿון איין פּונקט אויף אַ גרעסערן טייל פֿון דער גאַנצהייט. מען מעג זאָגן אויפֿן פּסיכאָאַנאַליז, אַז ווער עס גיט אים דעם קליינעם פֿינגער, דעם האַלט ער שוין בײַ דער גאַנצער האַנט. דער וועמען עס האָט זיך געלייגט אויפֿן שׂכל די אויפֿקלערונג פֿון די געשטרויכלטע טוונגען, דער קען זיך שוין על־פּי לאָגיק ניט אַרויסציִען מער פֿון גלייבן אין אַל דאָס אַנדערע. אַ צווייטער אָרט וואָס איז אויך אַזוי צוטריטלעך איז די סימבאָליק אין חלום. איך וועל אײַך דערלאַנגען אַ חלום, שוין אַ פּובליקירטן, פֿון אַ פֿרוי פֿון פֿאָלק, וואָס איר מאַן איז אַ פּאָליציאַנט און וואָס זי האָט אַוודאי קיין מאָל ניט געהערט וועגן חלום־סימבאָליק און פּסיכאָאַנאַליז. דערנאָך מישפּט אַליין, צי דאָס באַשיידן דעם אָ חלום מיט דער הילף פֿון סעקסועלע סימבאָלן קען אָנגערופֿן ווערן מוטווילִיק און געמאַטערט.

„...דערנאָך האָט זיך עמעצער אַרײַנגעבראָכן אין דירה, און זי האָט מיט פּחד גערופֿן צו הילף אַ פּאָליציאַנט. דער פּאָליציאַנט איז אָבער בחבֿרותא מיט צוויי אָרחי־פּרחים אַרײַן אין אַ קלויסטער, וווּהין ס׳האָבן געפֿירט עטלעכע שטיגן. הינטערן קלויסטער איז געווען אַ באַרג און אויבן אַ געדיכטער וואַלד. דער פּאָליציאַנט האָט געטראָגן אַ קיווער, אַ ברוסטבלעך און אַ מאַנטל. ער האָט געהאַט אַ ברוינע לאַנגע באָרד. די ביידע שלעפּערס וואָס זײַנען געגאַנגען בשלום מיטן פּאָליציאַנט זײַנען געגאַנגען אַרומגעוויקלט אַרום די לענדן פֿאַרטעכער אויפֿגעבונדענע ווי זעק. פֿון קלויסטער צום באַרג איז געגאַנגען אַ וועג. ער איז פֿון ביידע זײַטן געווען פֿאַרוואַקסן מיט גראָז און געצווײַג וואָס איז געוואָרן אַלץ געדיכטער און איז אויפֿן שפּיץ באַרג אַריבערגעגאַנגען אין אַ וואַלד ממש.“

די געניצטע סימבאָלן דערקענט איר גרינג. דער מענערישער געשלעכט־אָרגאַן איז אויסגעמאָלט דורך אַ דרײַקייט פּערזאָנען, דער פֿרויִשער דורך אַ לאַנדשאַפֿט מיט אַ קלויסטערל, אַ באַרג און אַ וואַלד. איר באַגעגנט איבער אַ נײַס שטיגן ווי אַ סימבאָל פֿון סעקסועלן אַקט. דאָס וואָס עס איז אין חלום

אָנגערופֿן באַרג הייסט אין אַנאַטאָמיע אויך אַזוי, דהײַנו Mons Veneris, ערווה-באַרג.

7) ווידער אַ מאָל אַ חלום וואָס דאַרף פֿאַרענטפֿערט ווערן דורך אַרײַנ-שטעלן אַ סימבאָל, באַמערקווערדיק אונ דערוויַזיק מיט דעם וואָס דער בעל-חלום האָט אַליין איבערגעזעצט אַלע סימבאָלן, הגם ער האָט ניט פֿאַרמאָגט קיין שום טעאָרעטישע קענטעניש אין באַשיידן חלומות. אַזאַ מין אויפֿפֿיר איז ניט קיין דבֿר בכל יום, און די באַדינגונגען, ווען אַזוינס קומט פֿאָר, זײַנען בפֿרטיות ניט באַוווּסט.

„ער גייט שפּאַצירן מיט זײַן פֿאָטער אין אַן אָרט וואָס איז געוויס דער פּראַטער*, וואָרעם מען זעט די ראָטונדע** און פֿאַר איר אַ קלענערן צובוי, צו וועלכן ס'איז צוגעפֿעסטיקט אַ געבונדענער לופֿטבאַלאָן וואָס ווײַזט אָבער אויס צו זײַן היפּש שלאַבעריק. דער פֿאָטער פֿרעגט בײַ אים, צו וואָס טויג דאָס אַלץ; אים איז דאָס אַחידוש, נאָר ער גיט אים צו פֿאַר-שטיין. דערנאָך קומען זיי אַרײַן אין אַ הויף, ווו ס'ליגט אויס-געשפּרייט אַ גרויס בלאַט בלעך. זײַן פֿאָטער וויל אָפּרײַסן פֿאַר זיך אַ גרויס שטיק דערפֿון, נאָר פֿריִער גיט ער זיך אַ קוק אום, צי עמעצער זעט ניט. זאָגט ער אים, אַז ער דאַרף דאָך מערניט זאָגן דעם משגיח, וועט ער זיך מעגן נעמען אָן שהיות. פֿון דעם דאָזיקן הויף גייט אַראָפּ אַ טרעפּ אין אַ שאַכטע, וואָס אירע ווענט זײַנען ווייך אויסגעבעט, אַן ערך ווי אַ לעדערנער פֿאָטעל. בײַם סוף שאַכטע איז אַ לאַנגלעכע פּלאַטפֿאָרם, און דערנאָך הייבט זיך אָן אַ נײַע שאַכטע...“

דער בעל-חלום באַשיידט אַליין: די ראָטונדע איז מײַן געשלעכט-אָרגאַן, דער געבונדענער באַלאָן פֿאַר איר איז מײַן פּעניס, וואָס אויף זײַן שלאַבעריקייט האָב איך זיך צו קלאָגן. אַרײַנגייענדיק אין די פּרטים מעג מען הייסט עס איבערזעצן, אַז די ראָטונדע איז דאָס געזעס — דאָס קינד פֿאַררעכנט עס כּסדר צו די געניטאַליען — דער קלענערער צובוי דער כּיס מיט די ביצים. אין חלום פֿרעגט בײַ אים דער פֿאָטער, צו וואָס דאָס אַלץ טויג, דאָס הייסט, צו וואָס דאַרף מען די געניטאַליען און וואָס טוען זיי. עס בעט זיך איבער-צוקערן אָט די סיטואַציע באופֿן, אַז ער זאָל ווערן דער פֿרעגער. היות אויף אַן אמת איז קיין מאָל אַזאַ פֿראַגע צום פֿאָטער ניט געווען, מוז מען פֿאַר-שטיין דעם חלום-געדאַנק ווי אַ פֿאַרלאַנג אָדער אים נעמען אַן ערך מעשׂה תּנאַי: „ווען איך זאָל געווען בעטן בײַם פֿאָטער סעקסועלע אויפֿקלערונג“. דעם המשך פֿון אָט דעם געדאַנק וועלן מיר באַלד געפֿינען אין אַן אַנדער אָרט.

* אַ גרויסער פּאַרק אין ווין.

** אַ גרויסער קײַלעכדיקער ביִנין.

דער הויף, ווו דער בלעך ליגט אויסגעשפּרייט, דאַרף ניט פֿאַרשטאַנען ווערן דווקא סימבאָליש, נאָר ער וואַקסט פֿון פּאַטערס געשעפֿט. פֿון דיסקרעט־קייט וועגן האָב איך אַוועקגעשטעלט „בלעך" פֿאַר אַן אַנדער סחורה, מיט וועלכער דער פּאַטער האַנדלט, ניט בײַטנדיק חוץ דעם קיין זאַך אינעם נוסח פֿון חלום. דער בעל־חלום איז אַרײַנגעטראָטן אין דעם פּאַטערס געשעפֿט און האָט געהאַט גוואַלדיקע טענות צו די קנאַפּ ראַיעלע גענג, וואָס פֿון זיי קומט צום גרעסטן טייל דער ריווח. דעריבער איז דער המשך פֿונעם אָקערשטיקן חלום־געדאַנק מיסתּמא אַזאַ: „(ווען איך זאָל אים געווען פֿרעגן,) וואָלט ער מיך געוואונען אָפּגענאַרט פּונקט אַזוי ווי ער נאַרט אָפּ זײַנע קונים". פֿאַרן אָפּרײַסן, וואָס דאָס מאָלט אויס די רמאות אין געשעפֿט, גיט דער בעל־חלום גופֿא אַ צווייטע אויסטײַטשונג, אַז דאָס מיינט אָנאַניזם. דאָס איז אונדז ניט נאָר באַוווּסט פֿון לאַנג אָן, נאָר ס'שטימט אויך זייער גוט מיט דעם וואָס דער סוד פֿון אָנאַניזם איז אויסגעדריקט דורכן היפּוך (מען מעג דאָך דאָס טון אָפֿנערהייט). ס'איז ווײַטער אין גאַנצן אין הסכּם מיט דעם, אויף וואָס מיר ריכטן זיך, אַז די אָנאַניסטישע טעטיקייט ווערט ווידער אַ מאָל אַרויפֿגעוואָרפֿן אויפֿן פּאַטער, פּונקט ווי דאָס פֿרעגן אין דער ערשטער סצענע פֿון חלום. די שאַכטע טײַטשט ער תּיכּף ווי די וואַגינע, פֿאַררופֿנדיק זיך אויף דער ווייכער אויסבעטונג פֿון די ווענט. דאָ מעכטיק איך זיך שוין אַליין און שטעל אַרײַן, אַז דאָס אַראָפּגיין וויל באַשרײַבן דעם סעקסועלן אַקט אין דער וואַגינע, אַזוי ווי בדרך־כּלל דאָס אַרויפֿגיין.

די פּרטים, אַז נאָך דער ערשטער שאַכטע קומט אַ לאַנגלעכע פּלאַטפֿאָרם און דערנאָך אַ נײַע שאַכטע, טײַטשט ער אַליין אויס ביאָגראַפֿיש. אַ שטיק צײַט האָט ער געהאַט סעקסועלע באַציִונגען, דערנאָך האָט ער דאָס מחמת עיכּובֿים אַוועקגעוואָרפֿן, און איצטער פֿאַרהאָפֿט ער, אַז מיט דער הילף פֿון דער קוראַציע וועט ער דאָס קענען באַנײַען.

8) די ביידע ווײַטערדיקע חלומות פֿון אַ פֿרעמדן מיט זייער אַ פּאָליגאַמישער דיספּאָזיציע גיב איך אײַך איבער ווי אַ ראַיה אויפֿן טעזיס, אַז דער אייגענער איך פֿיגורירט אין יעטווידער חלום, אַפֿילו דאָרטן, ווו ער האָט זיך פֿאַרן אָפֿנוואָרן אינהאַלט באַהאַלטן. די טשעמאָדאַנען אין די חלומות זײַנען פֿרויִישע סימבאָלן.

א) ער פֿאָרט אַוועק, זײַן באַגאַזש ברענגט מען צום צוג אויף אַ פֿור, אַסך טשעמאָדאַנען אָנגעוואָרפֿן, צווישן זיי צוויי גרויסע שוואַרצע ווי טשעמאָדאַנען מיט סחורה־מוסטערס. זאָגט ער טרייסטנדיק צו עמעצן: נו, זיי פֿאָרן דאָך מיט מערניט ביזן וואָקזאַל.

ער פֿאָרט באמת מיט זייער פֿיל באַגאַזש, נאָר ער ברענגט אַרײַן אין דער קוראַציע זייער פֿיל מעשׂיות מיט פֿרויען אויך. די צוויי שוואַרצע טשעמאָדאַנען זײַנען אַנטקעגן צוויי שוואַרצע פֿרויען וואָס שפּילן איצטער די

הויפּטראָלע אין זײַן לעבן. איינע פֿון זיי האָט אים געוואָלט נאָכפֿאָרן קיין ווין; לויט מײַן עצה האָט ער איר טעלעגראַפֿירט אויף ניט.

ב) אַ סצענע בײַ דער צאָל-רעוויזיע: אַ פּאַסאַזשיר עפֿנט אויף זײַן טשעמאָדאַן און זאָגט, רייכערנדיק גלײַכגילטיק אַ פּאַפּיראָס: דאָ איז קיין זאַך ניטאָ. דער צאָל-באַאַמטער גלייבט אים דוכט זיך, נאָר ער רוקט נאָך אַמאָל אַרײַן די האַנט און געפֿינט עפּעס גאָר אַ ספּעציעל פֿאַרווערטע זאַך. זאָגט דער פּאַסאַזשיר רעזיגנירטערהייט: פֿאַרפֿאַלן. ער גופֿא איז דער פּאַסאַזשיר, איך בין דער צאָל-באַאַמטער. אַזוי איז ער זייער אויפֿריכטיק אין זײַן ווידוי זאָגן, נאָר ער האָט באַשלאָסן בײַ זיך צו באַהאַלטן פֿאַר מיר אַן אָקערשט פֿאַרקניפּטע באַציִונג צו אַ פֿרוי, ווײַל ער האָט געקענט משער זײַן, און ער איז געווען גערעכט, אַז איך קען זי. די פּריקרע סיטואַציע פֿון דעמאַסקירט ווערן רוקט ער אַריבער אויף אַ פֿרעמדן, אַזוי אַז ס'ווײַזט אויס, אַז ער אַליין פֿיגורירט ניט אין דעם חלום.

9) אָט איז אַ דוגמא פֿאַר אַ סימבאָל וואָס איך האָב נאָך ניט דערמאָנט: ער געגנט אָן זײַן שוועסטער וואָס גייט מיט צוויי פֿרײַנדינס און זיי זײַנען אַליין שוועסטער. ער דערלאַנגט ביידן די האַנט, נאָר דער שוועסטער ניט.

קיין שום פֿאַרבינדונג מיט אַ מעשׂה שהיה. זײַנע געדאַנקען פֿירן אים גאָר אַוועק אין אַ צײַט אַרײַן, ווען ער האָט איבערגעטראַכט וועגן דער אָבסערוואַציע, אַז דער בוזעם בײַ מיידלעך אַנטוויקלט זיך צו שפּעט. די ביידע שוועכטער זײַנען הייסט עס די ברוסטן, ער וואָלט געווען אַ בעלן זיי אָננעמען מיט דער האַנט, ווען ס'זאָל נאָר ניט זײַן זײַן שוועסטער.

10) אָט איז אַ דוגמא פֿאַר דער טויט-סימבאָליק אין חלום:

ער גייט מיט צוויי מענטשן, וואָס זייערע נעמען ווייס ער, נאָר בײַם אויפֿכאַפּן זיך האָט ער פֿאַרגעסן, איבער זייער אַ הויכן שטאָציקן אײַזערנעם בריקל. פּלוצלינג זײַנען ביידע ניט געוואָרן, און ער זעט אַ משונהדיקן מענטשן אין אַ היטל און אין אַ לײַוונטענעם קאָסטיום. ער פֿרעגט בײַ אים, צי ער איז דער טעלעגראַמען-טרעגער... ניין. צי איז ער דער פֿור-מאַן? ניין. גייט ער ווײַטער, האָט נאָך אין חלום שטאַרק מורא, און נאָכן אויפֿכאַפּן זיך ציט ער ווײַטער דעם חלום מיט אַ פֿאַנטאַזיע, אַז דער אײַזערנער בריק רײַסט זיך פּלוצלינג אָפּ און ער פֿאַלט אַראָפּ אין תּהום.

מענטשן, וואָס מען שטרײַכט אונטער, אַז זיי זײַנען ניט באַוווּסט, אַז מען האָט פֿאַרגעסן זייערע נעמען, זײַנען ס'רובֿ זייער נאָענטע. דער בעל-חלום האָט צוויי מיטקינדער; ווען ער זאָל האָבן ביידן געווינטשן דעם טויט, וואָלט געווען מערניט ווי גערעכט, אַז ס'זאָל אים דערפֿאַר באַפֿאַלן דער פּחד פֿאַרן טויט. אַנטקעגן דעם טעלעגראַמען-טרעגער גיט ער אַ זאָג, אַז דער סאָרט

מענטשן ברענגט אַלע מאָל שלעכטע בשׂורות. לויט דער אוניפֿאָרם וואָלט דאָס נאָך געקענט זײַן אַ לאַמטערן-צינדער. נאָר ער פֿאַרלעשט דאָך די לאַמטערנס אויך, הייסט עס אַזוי ווי דער געניוס פֿון טויט פֿאַרלעשט דעם שטורקאַץ. אַנטקעגן דעם פֿורמאַן אַסאָצײַירט ער אולאַנדס ליד וועגן קיניג קאַרלס נסיעה אויפֿן ים און דערמאָנט זיך אין אַ מסוכּנער ים-נסיעה מיט צוויי חבֿרים, ווי ער האָט געשפּילט די ראָלע פֿונעם קיניג אין ליד. אַנטקעגן דעם אײַזערנעם בריק פֿאַלט אים אײַן אַן אומגליקלעכע סיבה פֿון דער לעצטער צײַט און דאָס נאַרישע ווערטל: דאָס לעבן איז געגליכן צו אַ קייטנבריק.

11) ווי אַן אַנדער דוגמא פֿון אויסמאָלן דעם טויט קען דינען דער חלום: אַ פֿרעמדער הער שיקט אים אַרײַן אַ וויזיט-קאַרטל מיט שוואַרצע בּרעגן.

12) צוליב מער ווי איין טעם וועט זײַן פֿאַר אײַך אינטערעסאַנט דער ווײַטערדיקער חלום וואָס האָט אמת געקענט נולד ווערן נאָר אין אַ נעוורטאָטישן מצבֿ.

ער פֿאָרט אין באַן. דער צוג שטעלט זיך אָפּ אויפֿן פֿרײַען פֿעלד. ער מיינט, אַז דאָ האַלט אין טרעפֿן אַ סיבה, מען מוז טראַכטן וועגן ראַטעווען זיך, ער גייט אַדורך דורך אַלע קופּעען פֿון צוג און דערהרגעט וועמען ער באַגעגנט נאָר, קאָנדוקטאָרן, מאַשיניסטן או״אַז״וו.

דערצו דערמאָנט ער זיך, וואָס אַ גוטער פֿרײַנד האָט אים דערציילט. אויף עפּעס אַ ליניע אין איטאַליע האָט מען אין אַ האַלבקופּע טראַנספּאָרטירט אַ משוגענעם, נאָר על פּי טעות האָט מען אַרײַנגעלאָזן צו אים אַ פּאַסאַזשיר. דער משוגעגער האָט דערהרגעט דעם מיטפּאַסאַזשיר. ער אידענטיפֿיצירט זיך הייסט עס מיט אָט דעם משוגענעם, און זײַן רעכט אויף דעם מאָטיווירט ער מיט דער צוואַנג-פֿאָרשטעלונג וואָס מאַטערט אים די צײַטן, אַז ער מוז „אָפּראַמען פֿון וועג אַלע וואָס ווייסן דעם סוד“. נאָר דערנאָך געפֿינט ער אַליין אַ בעסערע מאָטיווירונג וואָס פֿירט צום גורם פֿון חלום. ער האָט נעכטן איבער אַ נײַס געזען אין טעאַטער די מיידל, מיט וועלכער ער האָט געוואָלט חתונה האָבן, נאָר וואָס ער איז פֿון איר אָפּגעטראָטן, ווײַל ער האָט געהאַט צוליב וואָס צו זײַן אייפֿערזיכטיק אויף איר. ווי באַלד אייפֿערזוכט דערגייט בײַ אים ביז אַזאַ אינטענסיווקייט, וואָלט ער טאַקע געווען משוגע, ווען ער האָט מיט איר חתונה. דאָס הייסט: זי איז אַזוי אומפֿאַרלאָזלעך, האַלט ער, אַז פֿון אייפֿערזוכט וואָלט ער געמוזט דערהרגענען אַלע מענטשן וואָס ער באַגעגנט. דאָס גיין דורך אַ ריי צימערן, דאָ קופּעען, האָבן מיר שוין געהאַט דערקענט ווי אַ סימבאָל פֿון חתונה-געהאַטקייט (היפוך צו מאָנאָגאַמיע).

אַנטקעגן דעם אָפּשטעלן זיך פֿון צוג אויפֿן פֿרײַען פֿעלד און אַנטקעגן דער מורא פֿאַר אַ סיבה דערציילט ער: בשעת ער איז איין מאָל געפֿאָרן אין באַן און ס׳האָט אַזוי געטראָפֿן, אַז מען האָט זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט מחוץ אַ סטאַציע,

האָט אַ יונגע פֿאַסאַזשירין געזאָגט, אַז עס וועט אפֿשר זײַן אַ צוזאַמענשטויס; איז דאָס בעסטע אויפֿצוהייבן די פֿיס. אָט דאָס „אויפֿהייבן די פֿיס״ האָט אָבער אויך געשפּילט אַ ראָלע אין די פֿיל שפּאַצירן און עקסקורסיעס אין דער פֿרײַער נאַטור וואָס ער פֿלעגט מאַכן מיט יענער מיידל אין דער גליקלעכער ערשטער צײַט פֿון זייער ליבע. נאָך אַ ראַיה, אַז ער וואָלט געדאַרפֿט זײַן משוגע איצטער חתונה צו האָבן מיט איר. לויט מײַן קענען די סיטואַציע האָב איך געמעגט אָננעמען פֿאַר זיכער, אַז בײַ אים איז פֿון דעסט וועגן געווען אַ פֿאַרלאַנג יאָ צו זײַן אַזוי משוגע.

# אַרכאַיִשע שטריכן און אינפֿאַנטיליזם אין חלום

חשובֿע דאַמען און הערן! לאָמיר צוריק אָנקניפּן אין אונדזער רעזולטאַט, אַז די חלום-אַרבעט פֿירט אַריבער, אונטער דער השפּעה פֿון דער חלום-צענזור, די פֿאַרבאַהאַלטענע חלום-געדאַנקען אין אַן אַנדער אויסדריק-שטייגער. די פֿאַרבאַהאַלטענע געדאַנקען זײַנען ניט קיין אַנדער זאַך ווי די אונדז באַוווּסטע וויסיקע געדאַנקען פֿון אונדזער לעבן אויף דער וואָר; דער נײַער אויסדריק-שטייגער איז אונדז אומפֿאַרשטענדלעך איבער אַ סך שטריכן. מיר האָבן געזאָגט, אַז ער גרייכט צוריק צו מצבֿים פֿון אונדזער אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג, וואָס מיר האָבן זיי שוין לאַנג גובֿר געווען, — צו דער בילדערשפּראַך, צו דער סימבאָלישער באַציִונג, אפֿשר צו באַדינגונגען וואָס זײַנען געווען איידער ס׳האָט זיך אַנטוויקלט אונדזער שפּראַך פֿון טראַכטן. האָבן מיר דעריבער אָנגערופֿן דעם אויסדריק-שטייגער פֿון דער חלום-אַרבעט אַ ר כ אַ יִ ש אָדער ר ע ג ר ע ס י װ.

איר קענט דערפֿון דרינגען, אַז דורך מער אַרײַנטיפֿן זיך אין שטודירן די חלום-אַרבעט וואָלט געדאַרפֿט געראָטן צו דערשלאָגן זיך צו ווערטיקע אויספֿירן וועגן די ניט גוט באַוווּסטע אָנהייבן פֿון אונדזער אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג. איך פֿאַרהאָף, אַז אַזוי וועט זײַן, אָבער צו דער דאָזיקער אַרבעט האָט מען זיך נאָך לעת-עתּה ניט גענומען. יענער פֿאַרצײַטן, וואָס צו אים פֿירט אונדז צוריק די חלום-אַרבעט, איז אַ צווייִקער, ראשית דער אינדיווידועלער פֿאַרצײַטן, די קינדהייט; פֿון דער אַנדערער זײַט, היות יעטווידער יחיד חזרט איבער אין זײַן קינדהייט ווי עס איז בקיצור די גאַנצע אַנטוויקלונג פֿון מענטשלעכן מין, איז אָט דער פֿאַרצײַטן אויך, דער פֿילאָגענעטישער. צי ס׳וועט געראָטן מבֿחין צו זײַן, וואָסער חלק פֿון די פֿאַרבאַהאַלטענע פּסיכישע פּראָצעסן עס וואַקסט פֿון דער אינדיווידועלער קדמון-צײַט און וואָסערער פֿון דער פֿילאָגענעטישער, — איך האַלט, אַז עס קען געמאָלט זײַן. אָט קומט אויס בײַ מיר אַ שטייגער, אַז די סימבאָלישע באַציִונג, וואָס דער יחיד האָט זי קיין מאָל ניט געלערנט, מעג פּרעטענדירן, מען זאָל קוקן אויף איר ווי אויף אַ פֿילאָגענעטישער ירושה.

נאָר דאָס איז אָבער ניט דער איינציקער אַרכאַיִשער סימן פֿון חלום. איר קענט מיסתּמא אַלע פֿון אײַער געפּרוּוו אויף זיך די מאָדנע אַמנעזיע פֿון קינדהייט. איך מיין עס דעם פֿאַקט, וואָס די ערשטע יאָרן פֿון לעבן, ביזן פֿינפֿטן, זעקסטן אָדער אַכטן, האָבן ניט איבערגעלאָזן אין זיכּרון אַזוינע שפּורן

ווי די שפּעטערדיקע איבערלעבונגען. מען טרעפֿט טאַקע איינציקע מענטשן וואָס קענען זיך באַרימען, אַז זיי געדענקען כּסדר פֿון פֿריִקן אָנהייב ביז הײַנטיקן טאָג, נאָר דער אַנדערער גאַנג, פֿון אַ לאָך אין זיכּרון, טרעפֿט אָן אַ שיִעור אָפֿטער. איך האַלט, אַז מען האָט זיך ניט גענוג געחידושט אויף דעם פֿאַקט. צו צוויי יאָר קען דאָס קינד גוט ריידן, ער ווײַזט באַלד, אַז ער גיט זיך אַן עצה אין קאָמפּליצירטע פּסיכישע סיטואַציעס, און ער קומט מיט אַרויסזאָגונגען, וואָס אַ סך יאָרן שפּעטער דערציילט מען זיי אים איבער, נאָר ער אַליין האָט זיי פֿאַרגעסן. און דערבײַ איז דער זיכּרון אין די פֿריִקע יאָרן אַ גרעסערער בעל-פּועל, ווײַל ער איז ווינציקער איבערגעלאָדן איידער שפּעטער. אויך איז ניטאָ קיין טעם צו האַלטן, אַז די פֿונקציע פֿון געדענקען איז אַ ספּעציעל הויכע אָדער שווערע פּסיכישע טוּונג; אַדרבא, מען קען געפֿינען אַ גוטן זיכּרון נאָך בײַ אַזוינע מענטשן, וואָס אינטעלעקטועל שטייען זיי זייער נידעריק.

ווי אַ צווייטע מאָדנע זאַך, וואָס זי בינדט זיך מיט אָט דער ערשטער, מוז איך אָבער דערמאָנען, אַז פֿון דער פּוסטקייט אין זיכּרון וואָס נעמט אַרום די ערשטע קינדערשע יאָרן הייבן זיך אַרויס איינציקע גוט אויפֿגעהיטע ס'רובֿ פּלאַסטיש געשפּירטע געדעכעענישן, וואָס עס זעט זיך ניט, צוליב וואָס זיי האָבן זיך אויפֿגעהיט. מיטן מאַטעריאַל אײַנדרוקן וואָס טרעפֿן אונדז אין שפּעטיקערן לעבן איז זיך אונדזער זיכּרון נוהג אַזוי, אַז ער מאַכט אַן אָפּקלײַב. ער פֿאַרגעדענקט דאָס וואָס עס איז וויכטיק און לאָזט אָפּ ניט-וויכטיקע זאַכן. מיט די אויפֿגעהיטע קינדערשע געדעכעענישן איז עפּעס אַנדערש. זיי שטימען ניט דווקא מיט וויכטיקע איבערלעבונגען פֿון די קינדערשע יאָרן, אַפֿילו ניט מיט אַזוינע וואָס האָבן געמעגט זײַן וויכטיק פֿון דעם קינדס שטאַנד-פּונקט. זיי זײַנען אָפֿט אַזוי באַנאַל און נישטיק אין זיך, אַז מיר פֿרעגן זיך מיט חידוש, פֿאַר וואָס פּונקט דער פּרט איז ניצול געוואָרן פֿון פֿאַרגעסעניש. איך האָב בשעתו געפּרוווט נעמען זיך מיט דער הילף פֿון אַנאַליז צום רעטעניש פֿון דער קינדערשער אַמנעזיע און פֿון די געדענקרעשטן וואָס רײַסן זי איבער, און כ'בין געקומען צו דער מסקנא, אַז פֿאָרט איז בײַם קינד אויך געבליבן אין זיכּרון נאָר דאָס וויכטיקע, מערניט וואָס אָט דאָס וויכטיקע איז — אַ דאַנק די אײַך שוין באַוווּסטע פּראָצעסן פֿון פֿאַרגעדיכטערונג און דער עיִקר פֿון איבעררוק — פֿאַרביטן געוואָרן אין זיכּרון דורך אַנדערע זאַכן וואָס ווײַזן אויס ניט וויכטיק. איך האָב דעריבער אָנגערופֿן אָט די קינדערשע געדעכעענישן צודעק-געדעכעענישן; דורך אַ גרונטיקן אַנאַליז קען מען פֿון זיי אַרויס-וויקלען אַלץ וואָס עס איז פֿאַרגעסן געוואָרן.

אין די פּסיכאָאַנאַליטישע קוראַציעס שטעלט זיך כּסדר די אויפֿגאַבע צו פֿאַרפֿולן די לאָך אין די אינפֿאַנטילע געדעכעענישן, און אויף וויפֿל די קוראַציע גיט זיך בכלל אײַן ווי ניט איז, דאָס הייסט גאָר אָפֿט, גילט אונדז טאַקע אָפּ אַרויסצוציִען צוריק אויף דער ליכטיקער שײַן יענע קינדערשע יאָרן וואָס זײַנען געווען פֿאַרדעקט פֿון פֿאַרגעסעניש. יענע אײַנדרוקן זײַנען קיין מאָל ניט

געווען פֿאַרגעסן אויף אַן אמת, זיי זײַנען מערניט געווען אומצוטריטלעך, פֿאַרבאַהאַלטן, זיי האָבן געהערט צו דער אומוויסיקייט. ס׳טרעפֿט אָבער אויך ספּאָנטאַן, אַז זיי גיבן זיך אַ לאָז אַרויס פֿון דער אומוויסיקייט, דהײַנו געקניפּט מיט חלומות. ס׳ווײַזט זיך אַרויס, אַז דאָס חלום-לעבן ווייס צו געפֿינען אַ צוגאַנג צו אָט די פֿאַרבאַהאַלטענע אינפֿאַנטילע איבערלעבונגען. אין דער ליטעראַטור זײַנען פֿאַרצייכנט שיינע דוגמאות דערויף, און איך אַליין בין געווען בכּוח צו געבן אַזאַ צושטײַער. אין אַ געוויסן פֿאַרבונד האָט זיך מיר אַ מאָל געחלומט אַ מענטש וואָס האָט מיר קענטיק געטאָן אַ טובֿה און וואָס איך האָב אים קלאָר געזען פֿאַר די אויגן. ס׳איז געווען אַ מענטש מיט איין אויג, אַ נידעריטשקער, אַ גראָבער, דער קאָפּ טיף אַרײַנגערוקט אין די אַקסלען. פֿונעם פֿאַרבונד האָב איך געדרונגען, אַז ס׳איז געווען אַ דאָקטער. צום גליק האָב איך געקענט פֿרעגן בײַ מײַן מוטער וואָס האָט נאָך געלעבט, ווי אַזוי ס׳האָט אויסגעזען דער דאָקטער אין מײַן געבוירן-אָרט, פֿון וואַנען איך בין אַוועק צו דרײַ יאָר, און איך האָב זיך דערוווּסט פֿון איר, אַז ער איז געווען מיט איין אויג, אַ קורצער, אַ גראָבער, דער קאָפּ טיף אַרײַנגערוקט אין די אַקסלען, כ׳האָב זיך אויך דערוווּסט, בײַ וואָס פֿאַר אַ סיבה, וואָס איך האָב זי געהאַט פֿאַרגעסן, ער האָט מיר געגעבן הילף. דאָס שאַפֿן זיך מיטן פֿאַרגעסענעם מאַטעריאַל פֿון די ערשטע קינדערשע יאָרן איז הייסט עס נאָך איין אַרכאַישער שטריך פֿון חלום.

די זעלביקע אויפֿקלערונג איז שייך נאָך צו אַן אַנדער רעטעניש פֿון די, אויף וועלכע מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן ביז איצטער. איר דערמאָנט זיך, סאַראַ חידוש עס האָט אַרויסגערופֿן, בשעת מיר זײַנען געקומען צו זען, אַז די אַנטוועקער פֿון חלומות זײַנען ענערגיש בייזע און עקסצעסיוו סעקסועלע פֿאַרלאַנגען וואָס האָבן נייטיק געמאַכט די חלום-צענזור און די חלום-פֿאַרקרימונג. ווען מיר באַשיידן דעם בעל-חלום אַזאַ חלום און ער אַטאַקירט ניט (דאָס איז דער בעסטער פֿאַל) דעם באַשייד גופֿא, שטעלט ער פֿאָרט יעדער מאָל אַ פֿראַגע, פֿון וואַנען עס קומט צו אים אַזאַ פֿאַרלאַנג, ווי באַלד ער שפּירט דאָך אים ווי פֿרעמד און דער היפּוך דערפֿון איז אים וויסיק. מיר דאַרפֿן זיך ניט מיאש זײַן פֿון אויפֿווײַזן אָט דעם אָפּשטאַם. אָט די בייזע פֿאַרלאַנג-וועקונגען וואַקסן פֿון עבֿר, אָפֿט פֿון אַן עבֿר וואָס איז גאָרניט אַזוי ווײַט. עס לאָזט זיך ווײַזן, אַז אַ מאָל זײַנען זיי געווען באַוווּסט און וויסיק, הגם הײַנט שוין ניט. די פֿרוי, וואָס איר חלום באַטײַט, אַז זי וואָלט וועלן זען אַ טויטע פֿאַר די אויגן איר איצט 17יאָריקע בת-יחידה, געפֿינט אויס אונטער אונדזער אָנפֿירונג, אַז אין אַ געוויסער צײַט האָט זי פֿאָרט געהאַט אַזאַ טויטפֿאַרלאַנג. דאָס קינד איז די פֿרוכט פֿון אַ ניט-געראָטענער, גיך צעשיידטער זיווגשאַפֿט. ווען זי איז נאָך געווען טראָגן מיט דער טאָכטער, האָט זי איין מאָל, נאָך אַ שאַרפֿער סצענע מיט איר מאַן, אין אַן אָנפֿאַל פֿון גרימצאָרן גענומען קלאַפּן מיט די פֿויסטן אין בויך, כּדי צו טייטן דאָס קינד אינעווייניק. וויפֿל מוטערס, וואָס הײַנט האָבן זיי ליב זייערע קינדער צערטלעך, אפֿשר איבערצערטלעך, זײַנען

פֿאָרט פֿאַרגאַנגען מיט זיי אָן חשק און האָבן יעמאָלט געהאַט דעם פֿאַרלאַנג, אַז דאָס לעבן אין זיי זאָל זיך ניט אַנטוויקלען ווײַטער; מער ווי דאָס, זיי האָבן אַפֿילו אַריבערגעפֿירט אָט דעם פֿאַרלאַנג אין פֿאַרשיידענע טוונגען וואָס האָבן צום גליק ניט פֿאַרשאַט. דער טויטפֿאַרלאַנג קעגן אַ געליבטן מענטשן, וואָס שפּעטער קומט ער אויס אַזוי רעטענישדיק, וואַקסט הייסט עס פֿון דער פֿריִערדיקער צײַט פֿון באַציִונגען צו אים.

דער פֿאָטער, וואָס זײַן חלום באַרעכטיקט אויסצוטײַטשן, אַז ס׳איז אין אים פֿאַראַן אַ טויטפֿאַרלאַנג קעגן זײַן באַליבטן בכור, מוז אויך אָננעמען פֿאַר ליב, ווען מען דערמאָנט אים, אַז אַ מאָל איז אים דער דאָזיקער פֿאַרלאַנג ניט געווען פֿרעמד. בשעת אָט דאָס קינד איז נאָך געווען אַן עופֿעלע, פֿלעגט דער מאַן, אומצופֿרידן מיט זײַן זיווג, אָפֿט טראַכטן, אַז ווען דאָס נפֿשל, וואָס ער איז צו אים גאָרניט צוגעבונדן, זאָל שטאַרבן, וואָלט ער איבער אַ נײַס געווען פֿרײַ און וואָלט אויסגעניצט זײַן פֿרײַקייט אויף אַ בעסערן אופֿן. עס לאָזט זיך אויפֿווײַזן, אַז אַ גרויסע צאָל ענלעכע וועקונגען פֿון שׂינאה וואַקסט פֿונעם נעמלעכן מקור; דאָס זײַנען געדעכענישן פֿון עפּעס אַזוינס וואָס האָט זיך אָנגעקערט מיטן עבֿר און וואָס איז אַ מאָל געווען וויסיק און האָט געשפּילט אַ ראָלע אין פּסיכישן לעבן. איר וועט וועלן דרינגען דערפֿון, אַז אויב אַזוינע שינויים אין די באַציִונגען צו אַ מענטשן זײַנען ניט געווען, אויב די דאָזיקע באַציִונג איז פֿון אָנהייב אָן געווען אַ גלײַכע, טאָרן אַזעלכע פֿאַרלאַנגען און אַזעלכע חלומות ניט זײַן. איך בין גרייט אָנצונעמען מיט אײַך אַזאַ מסקנא, איך וויל אײַך מערניט דערמאָנען, אַז איר זאָלט זיך רעכענען ניט מיטן ווערטערדיקן נוסח פֿון חלום, נאָר מיט זײַן פּשט נאָכן באַשיידן: עס קען געמאָלט זײַן, אַז דער אָפּנוואָרער חלום וועגן דעם טויט פֿון אַ געליבטן מענטשן האָט מערניט אָנגעטאָן אַ שרעקנ־דיקע מאַסקע, נאָר באַטײַטן באַטײַט ער גאָר עפּעס אַנדערש, אָדער אַז דער געליבטער מענטש איז דאָ אַן אָפּנאַרנדיקער במקום פֿאַר אַן אַנדער מענטש.

נאָר די זעלבע פֿאַקטן וועלן אויפֿוועקן בײַ אײַך אַן אַנדער פֿראַגע, אַ סך אַן ערנצטערע. איר וועט זאָגן: אויב דער דאָזיקער טויטפֿאַרלאַנג איז שוין יאָ אַ מאָל געווען בנימצא און ווערט באַשטעטיקט דורכן זיכּרון, איז דאָך דאָס ניט קיין אויסטײַטשונג. מען האָט דאָך אים שוין פֿון לאַנג גובֿר געווען, ער קען דאָך הײַנט זײַן בנימצא אין דער אומוויסיקייט נאָר ווי סתם אַ געדעכעניש אָן אַן עפֿעקט, ניט ווי אַ קרעפֿטיקע וועקונג. אויף דער לעצטער השערה זײַנען דאָך קיין שום ראַיות ניטאָ. איז צו וואָס דערמאָנט זיך דער חלום בכלל דערין? די פֿראַגע איז טאַקע אַ גערעכטע; פּרווון זי פֿאַרענטפֿערן וואָלט אונדז פֿאַרפֿירט צו ווײַט און וואָלט אונדז געצוווּנגען צו נעמען אַ שטעלונג אין איינעם פֿון די וויכטיקסטע פּונקטן פֿון דער לערע וועגן חלום. נאָר איך בין געצוווּנגען צו פֿאַרבלײַבן אין גבֿול פֿון אונדזערע באַטראַכטונגען און זיך אײַנ־צוהאַלטן. גרייט זיך צו רעזיגנאַציע אויף אַ ווײַלע. לאָמיר זיך באַנוגענען מיטן פֿאַקטישן אויפֿווײַז, אַז אָט דער פֿאַרלאַנג, וואָס מען האָט אים גובֿר געווען,

לאָזט זיך אויפֿווײַזן ווי אַ צעוועקער פֿון חלומות און לאָמיר זוכן ווײַטער, צי אַנדערע בייזע פֿאַרלאַנגען דערלאָזן אויך אויפֿן זעלביקן אופֿן, מען זאָל געפֿינען זייער מקור אין עבֿר.

לאָמיר בלײַבן בײַ די אָפּראַם־פֿאַרלאַנגען, וואָס מיר מעגן זיי דאָך ס׳רובֿ צוריקפֿירן צום בעל־חלומס אומבאַגרענעצטן עגאָיִזם. אַזאַ פֿאַרלאַנג לאָזט זיך זייער אָפֿט אויפֿווײַזן ווי אַ פֿורעמער פֿון חלומות. ווי נאָר עמעצער האָט זיך אונדז אין לעבן געשטעלט אין וועג, און ווי אָפֿט מוז זיך אַזוינס פֿאַרלויפֿן בײַ דער קאָמפּליצירטקייט פֿון באַציִונגען אין לעבן, איז תּיכּף דער חלום גרייט אים אַוועקצוהרגענען, צי דאָס איז דער פֿאָטער, די מוטער, אַ מיטקינד, אַ מאַן אָדער אַ פֿרוי אד״גל. מיר האָבן זיך גענוג געהאַט געחידושט אויף אָט דער רישעות פֿון דער מענטשלעכער נאַטור און זײַנען אַוודאי ניט נוטה געווען מודה צו זײַן אָן שהיות, אַז דער דאָזיקער רעזולטאַט פֿון באַשיידן חלומות איז אַ ריכטיקער. אָבער איין מאָל האָט מען אונדז געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז מיר דאַרפֿן זוכן דעם אויפֿקום פֿון אַזוינע פֿאַרלאַנגען אין עבֿר, דערקן מיר באַלד אויף דעם פּעריאָד פֿון אינדיווידועלן עבֿר, אין וועלכן אַזאַ עגאָיִזם און אַזעלכע פֿאַרלאַנג־וועקונגען אַפֿילו קעגן די סאַמע נאָענטע זײַנען שוין בשום אופֿן ניט משונהדיק. טאַקע אין די ערשטע יאָרן, וואָס שפּעטער ווערן זיי אײַנגע־הילט דורך דער אַמניזיע, ווײַזט אַרויס דאָס קינד דעם דאָזיקן עגאָיִזם אָפֿט אין אַן עקסטרעמער פֿאָרם, אָבער תּמיד לאָזט ער דערקענען קלאָרע אָנהייבן דערפֿון, אָדער ריכטיקער רעשטן דערפֿון. מחמת דאָס קינד האָט פֿריִער ליב זיך אַליין, און ערשט דערנאָכדעם לערנט ער זיך אויס ליב האָבן אַנדערע, מקריבֿ זײַן לטובֿת אַנדערע עפּעס פֿון זײַן איך. אַפֿילו די מענטשן, וועמען ער האָט דוכט זיך ליב פֿון אָנהייב אָן, האָט ער פֿריִער ליב צוליב דעם, ווײַל ער באַדאַרף זיי, ווײַל ער קען זיך אָן זיי ניט באַגיין, הייסט עס ווידער אַ מאָל צוליב עגאָיִסטישע מאָטיוון. שפּעטער מערניט עמאַנסיפּירט זיך די ליבע־וועקונג פֿון עגאָיִזם. ער האָט זיך בפֿירוש אויף עגאָיִזם אויסגעלערנט ליב האָבן.

אין דעם פּרט וועט מען קענען אָפּלערנען פֿון צוגלײַכן דעם קינדס אײַנשטעל לגבי זײַנע מיטקינדער מיטן אײַנשטעל לגבי די עלטערן. זײַנע מיטקינדער איז לאו דווקא, אַז דאָס קליינע קינד זאָל ליב האָבן, אָפֿט האָט ער זיי בפֿירוש ניט ליב. ס׳איז קיין ספֿק ניט, אַז אין זיי האָט ער פֿײַנט זײַנע קאָנקורענטן, און ס׳איז באַוווּסט, ווי אָפֿט דער דאָזיקער אײַנשטעל האַלט זיך אָן אַן איבעררײַס דורך לאַנגע יאָרן ביז דער צײַטיקייט און אַפֿילו נאָך שפּעטער. אמת, גענוג אָפֿט ווערט ער פֿאַרביטן, אָדער לאָמיר בעסער זאָגן: צוגעדעקט פֿון אַ מער צערטלעכן אײַנשטעל, אָבער דער שׂינאהדיקער ווײַזט אויס צו זײַן בדרך־כּלל דער פֿריִערדיקער. צום גרינגסטן קען מען דאָס אָבסער־ווירן אויף קינדער פֿון $2^1/_2$ ביז 4 און 5 יאָר, ווען עס קומט צו נאָך אַ מיטקינד. ס׳רובֿ איז דער קבלת־פּנים זייער ניט קיין פֿרײַנדלעכער. אַרויסזאָגונגען פֿון

דעם מין ווי „איך האָב אים פֿײַנט, זאָל דער בושל אים צונעמען צוריק" טרעפֿן היפּש אָפֿט. שפּעטער צו לאָזט מען ניט דורך קיין געלעגנהייט אַרונטערצומאַכן דעם נײַ געקומענעם, און עס טרעפֿן אַפֿילו פּרווון צו שעדיקן אים, אַטענטאַטן ממש. אויב דער חילוק אין די יאָרן איז אַ קלענערער, געפֿינט שוין דאָס קינד דעם קאָנקורענט בשעת עס וואַקסט אויף אַ מער אינטענסיווע פּסיכישע טעטיקייט, מוז ער זיך אײַנאָרדענען מיט אים. טאָמער איז דער חילוק גרעסער, קען דאָס נײַע קינד פֿון אָנהייב אָן אַרויסרופֿן געוויסע סימפּאַטיעס ווי אַן אינטערעסאַנטער חפֿץ, ווי אַ מין לעבעדיקע ליאַלקע, און בײַ אַ חילוק פֿון 8 יאָר און מער קענען זיך שוין אַנטפּלעקן, איבער הויפּט בײַ מיידלעך, זאָרגערישע מוטערישע ווערקונגען. נאָר דעם אמת זאָגנדיק, אויב מען דעקט אויף הינטער אַ חלום דעם פֿאַרלאַנג, אַז די מיטקינדער זאָלן שטאַרבן, דאַרף מען זעלטן זען דערין אַ רעטעניש און מען קען אָן מי אויסגעפֿינען זײַן פּראָטאָטיפּ אין די פֿרײַיִקע קינדערשע יאָרן, געװנג אָפֿט אין די שפּעטערדיקע יאָרן פֿון צוזאַמענלעבן אויך.

ניטאָ מיסתּמא קיין קינדער-צימער אָן שאַרפֿע קאָנפֿליקן צווישן זײַנע אײַנוווינער. מאָטיוון זײַנען די קאָנקורענץ פֿאַר די עלטערנס ליבע, פֿאַרן אײַנאיינעמדיקן באַזיץ, פֿאַרן ווינפּלאַץ. די שינאהדיקע ווערקונגען ווענדן זיך סײַ קעגן עלטערע מיטקינדער, סײַ קעגן ייִנגערע. דוכט זיך בערנאַרד שאָו האָט דאָס געזאָגט: אויב עס איז פֿאַראַן עמעצער, וועמען אַ יונגע ענגלענדערין האָט מער פֿײַנט איידער איר מוטער, איז דאָס איר עלטערע שוועסטער. אין די דאָזיקע רייד איז אָבער פֿאַראַן עפּעס וואָס קומט אונדז אויס אויסטערליש. האַס צו מיטקינדער און קאָנקורענץ וואָלט זיך אונדז פֿאַר נויט געלייגט אויפֿן שׂכל, אָבער ווי אַזוי קענען זיך אַרײַנרײַסן שפּירונגען פֿון האַס אין די באַציִונגען צווישן טאָכטער און מוטער, עלטערן און קינדער?

די דאָזיקע באַציִונגען זײַנען טאַקע בלי ספֿק מער גינציקע מצד די קינדער אויך. דערויף ריכטן מיר זיך אויך; בײַ אונדז קומט אויס אַ סך אומפּאַסיקער, אויב עס פֿעלט ליבע צווישן עלטערן און קינדער, איידער צווישן מיטקינדער. אינעם ערשטן פֿאַל האָבן מיר אַזוי צו זאָגן געהייליקט עפּעס אַזוינס וואָס אין צווייטן פֿאַל איז דאָס געבליבן אַ דבֿר-חול. נאָר פֿאָרט קען אונדז די טאָגטעגלעכע אָבסערוואַציע ווײַזן, ווי אָפֿט געפֿיל-באַציִונגען צווישן עלטערן און דערוואַקסענע קינדער שטייען אָפּ פֿונעם אידעאַל וואָס די געזעלשאַפֿט האָט אַוועקגעשטעלט, וויפֿל שינאהדיקייט ס'איז דאָ אָנגעגרייט און וואָלט זיך אַרויסגעוויזן, ווען צוגאָבן פֿון פּיעטעט און פֿון צערטלעכע ווערקונגען זאָלן זי ניט געווען אײַנהאַלטן. די מאָטיוון דערפֿון זײַנען אַלעמען באַוווּסט און ווײַזן אַ טענדענץ אָפּצוטיילן פֿון אַנאַנד די זעלבע געשלעכטן, די טאָכטער פֿון דער מוטער, דעם פֿאָטער פֿון זון. די טאָכטער געפֿינט אין דער מוטער דעם אויטאָריטעט וואָס באַגרענעצט איר ווילן און וואָס אויף אים ליגט די אויפֿגאַבע דורכצופֿירן בײַ איר דעם אָפּזאָג פֿון סעקסועלער פֿרײַקייט, וואָס די געזעלשאַפֿט

פֿאָדערט; אין אײנציקע פֿאַלן איז נאָך די מוטער די קאָנקורענטין וואָס וויל זיך ניט לאָזן אָפּשטופּן. דאָס נעמלעכע חזרט זיך איבער נאָך אויף אַ מער רײַסיקן אופֿן צווישן זון און פֿאָטער. דער זון זעט אין פֿאָטער די פֿאַרקער־פּערונג פֿון יעטווידער סאָציאַלן צוואַנג וואָס מען טראָגט איבער בלית־ברירה; דער פֿאָטער פֿאַרשטעלט פֿאַר אים דעם צוגאַנג צום אַרויסווײַזן זײַן ווילן, צו פֿרײַקן סעקסועלן תּענוג, און ווו ס'איז פֿאַראַן אַ שותּפֿותדיק מישפּחה־אײגנס, דעם צוגאַנג צו געניסן פֿון דעם. דאָס אויסקוקן אויף דעם פֿאָטערס טויט צעוואַקסט זיך אינעם פֿאַל פֿון טראָן־יורש ביז אַ הייך וואָס נעמט ווערן טראַגיש. ניט אַזוי אויסגעשטעלט אויף סכּנות זעט אויס די פֿאַרהעלטעניש צווישן פֿאָטער און טאָכטער, צווישן מוטער און זון. דאָס לעצטע גיט די רײנסטע דוגמאות פֿון אַ צערטלעכקייט וואָס איז ניט פֿאַרשטערט דורך קײן שום עגאָיִסטישן חשבון און האַלט אָן כּסדר.

צו וואָס רייד איך עס פֿון די זאַכן וואָס זײַנען דאָך באַנאַל און אַלעמען באַוווּסט? ווײַל ס'איז פֿאַראַן אַ נטיה צו פֿאַרלייקענען זייער ווערדע אין לעבן און צו פּראָקלאַמירן דעם סאָציאַל געפֿאָדערטן אידעאַל פֿאַר מקוים געוואָרן אַ סך אָפֿטער איידער ער ווערט מקוים אויף אַן אמת. ס'איז אָבער גלײַכער, אַז דער פּסיכאָלאָג זאָל זאָגן דעם אמת, איידער אָט די עובֿדא זאָל איבער־בלײַבן פֿאַרן ציניקער. אמת טאַקע, די פֿאַרלייקענונג איז חל נאָר אויפֿן רעאַלן לעבן. דער קונסט פֿון דערציילערישער און דראַמאַטישער פּאָעזיע לאָזט מען פֿרײַ זיך צו באַנוצן מיט די מאָטיוון וואָס קומען אַרויס פֿון דער פֿאַרשטערונג פֿון דעם דאָזיקן אידעאַל.

בײַ אַ גרויסער צאָל מענטשן האָבן מיר זיך הייסט עס ניט וואָס צו חידושן, אויב דער חלום דעקט אויף זייער פֿאַרלאַנג אָפּצוראַמען די עלטערן, ספּעציעל דעם צד עלטערן וואָס פֿונעם זעלבן געשלעכט. מיר מעגן משער זײַן, אַז דער פֿאַרלאַנג איז פֿאַראַן אויף דער וואָר אויך און ווערט אַפֿילו טייל מאָל וויסיק, אויב ער קען זיך מאַסקירן מיט אַן אַנדער מאָטיוו, ווי אין כּאַל פֿון אונדזער בעל־חלום אין דוגמא 3 מיטן מיטגעפֿיל איבער דעם פֿאָטערס לײַדן אומזיסט־אומנישט. זעלטן געוועלטיקט די שׂינאהדיקייט אײנע אַליין אין די באַציִונגען, אַ סך אָפֿטער טרעט זי אָפּ הינטער מער צערטלעכע ווערקונגען וואָס דערדריקן זי, און זי מוז צוּוואַרטן, ביז וואַנען אַ חלום טוט זי אַזוי ווי איזאָלירן. דאָס וואָס דער חלום ווײַזט אונדז, צוליב דער אָ איזאָלירונג, גרויס איבער דער מאָס ווערט דערנאָכדעם איבער אַ נײַס אײַנגעשרומפּן, אויב מיר שטעלן עס, נאָכן באַשיידן, צוריק אַרײַן אין דעם קאָנטעקסט פֿון לעבן (ה. זאַקס). נאָר דאָס גלײַכן געפֿינען מיר אָט דעם חלום־פֿאַרלאַנג דאָרטן, ווו אין לעבן האָט ער ניט קײן אָנהאַלט און ווו דער דערוואַקסענער וואָלט זיך אויף דער וואָר קײן מאָל ניט געמוזט דערין מודה זײַן. דאָס נעמט זיך דערפֿון, וואָס דער טיפֿסטער און רעגולערסטער מאָטיוו פֿון פֿאַרפֿרעמדט ווערן, איבערהויפּט צווישן די פּערזאָנען פֿונעם נעמלעכן געשלעכט, האָט זיך באַוויזן נאָך אין די פֿרײַקע קינדערשע יאָרן.

איך מיין עס די ליבע-קאָנקורענץ מיט אַ קלאָרן טראָפּ אויפֿן סימן פֿון געשלעכט. דער זון הייבט אָן נאָך ווי אַ קליין קינד אַרויסצוּווייַזן אַ באַזונדער צערטלעכקייט כּלפּי דער מוטער, וואָס ער קוקט אויף איר ווי אויף זייַן אייגנס, און דעם פֿאָטער שפּירט ער ווי אַ קאָנקורענט וואָס וויל בייַ אים אויסקאָנקורירן זייַן אייגנס פֿאַר זיך; און פּונקט אַזוי זעט די קליינע טאָכטער אין דער מוטער אַ מענטשן וואָס שטערט איר צערטלעכע באַציִונג צום פֿאָטער און וואָס פֿאַרנעמט אַן אָרט, וואָס זי אַליין וואָלט אים זייער גוט געקענט פֿאַרנעמען. פֿון אָבסערווירן קען מען געוווּיר ווערן, אין וואָסערע פֿריִיִקע יאָרן עס גרייכן אַראָפּ אָט די אייַנשטעלן, וואָס מיר רופֿן זיי אָן אוידיפּוס-קאָמפּלעקס, מחמת די דאָזיקע לעגענדע רעאַליזירט מיט אַ גאַנץ קנאַפּער אָפּשוואַכונג די ביידע עקסטע פֿאַרלאַנגען וואָס וואַקסן אַרויס פֿון דעם זונס סיטואַציע: צו טייטן דעם פֿאָטער און צו נעמען די מוטער פֿאַר אַ ווייַב. איך וויל ניט זאָגן דווקא, אַז דער אוידיפּוס-קאָמפּלעקס שעפּט אויס די באַציִונג פֿון קינדער צו די עלטערן; זי קען גרינג זייַן אַ סך קאָמפּליצירטער. אויך איז דער אוידיפּוס-קאָמפּלעקס אויסגעפֿורעמט מער און ווינציקער שטאַרק, ער קען אַפֿילו ווערן איבערגעקערט, נאָר ער איז אַ רעגולערער און זייער אַ חשובֿער פֿאַקטאָר פֿונעם קינדערשן פּסיכישן לעבן, און גיכער זייַנען מיר עלול ניט צו דערשאַצן זייַן השפּעה און די השפּעה פֿון די אַנטוויקלונגען וואָס ווערן ניִצמח פֿון אים, איידער זי איבערצושאַצן. אַגבֿ רעאַגירן אָפֿט קינדער מיטן אוידיפּוס-אייַנשטעל אויף אַן אַנטוועקונג מצד די עלטערן וואָס לאָזן זיך בייַם אָפּקלייַבן דעם אָביעקט פֿון זייער ליבע גאַנץ אָפֿט פֿירן פֿונעם חילוק אין געשלעכט — באופֿן, אַז דער פֿאָטער האָט העלטער די טאָכטער, די מוטער דעם זון, אָדער אין פֿאַל פֿון אָפּקילונג אין זיווג-לעבן נעמט מען זיי פֿאַר אַ במקום אַנשטאָט דעם ליבע-אָביעקט וואָס האָט אָנגעווירן זייַן ווערדע.

מען קען ניט זאָגן, אַז די וועלט האָט געגעבן דער פּסיכאָאַנאַליטישער פֿאָרשונג אַ שיינעם דאַנק פֿאַר אויפֿדעקן דעם אוידיפּוס-קאָמפּלעקס. פֿאַרקערט, די אויפֿדעקונג האָט אַרויסגערופֿן דעם שאַרפֿסטן קעגנשטעל בייַ די דערוואַקסענע, און מענטשן וואָס האָבן פֿאַרזאַמט צו נעמען אַן אָנטייל אין אָפּלייקענען אָט די געאַסרטע אָדער טאַבוּירטע באַציִונג פֿון געפֿילן האָבן שפּעטער אויסגעקויפֿט זייער חטא צונעמענדיק בייַם קאָמפּלעקס זייַן חשיבֿות דורך איבערטייַטשן אים. לויט מייַן איבערצייַגונג וואָס איז געבליבן ווי געווען איז דאָ ניטאָ וואָס צו פֿאַרלייקענען און ניטאָ וואָס צו באַפּוצן. זאָל מען שלום מאַכן מיטן פֿאַקט, וואָס די גריכישע מסורה גופֿא אָנערקענט אים ווי אַ גזר וואָס לאָזט זיך ניט אָפּשרייַען. צוריק גערעדט איז אינטערעסאַנט, אַז אַרויסגעוואָרפֿן דעם אוידיפּוס-קאָמפּלעקס פֿון לעבן, האָט מען אים איבערגעענטפֿערט דער פּאָעזיע, אַזוי צו זאָגן, אויף איר באַראָט. אָ. ראַנק האָט געוויזן אין אַן אָפּגעהיטענער שטודיע, אַז דווקא דער אוידיפּוס-קאָמפּלעקס האָט צוגעשטעלט דער דראַמאַטישער פּאָעזיע רייַכע מאָטיוון אין וואַריאַנטן, אָפּשוואַכונגען און מאַסקירונגען אָן אַ שיִעור, אין אַזוינע פֿאַרקרימונגען הייסט עס, וואָס מיר דערקענען שוין

אין זיי די אַרבעט פֿון אַ צענזור. מעגן מיר הייסט עס דעם אָ אוידיפּוס-קאָמפּלעקס צושרײַבן אויך יענע בעלי חלומות וואָס זײַנען געווען אַזוי גליקלעך און האָבן אויסגעמיטן אין שפּעטיקערן לעבן קאָנפֿליקטן מיט זייערע עלטערן; און ענג צונויפֿגעקניפּט מיט אים געפֿינען מיר דאָס וואָס מיר רופֿן קאַסטריר-קאָמפּלעקס — די רעאַקציע אויף דער סעקסועלער אָנשרעקונג אָדער אײַנצאַמונג פֿון דער פֿריִקער אינפֿאַנטילער סעקסועלער טעטיקייט, וואָס מען שרײַבט דאָס צו דעם פֿאָטער.

אָפּגעשיקט דורך די ביזאיצטיקע אויסגעפֿינסן צום שטודירן דאָס קינדערשע פּסיכישע לעבן, מעגן מיר זיך אַצונד ריכטן, אַז דער אָפּשטאַם פֿונעם צווייטן חלק אין די פֿאַרוואָרטע חלום-פֿאַרלאַנגען, פֿון די עקסצעסיווע סעקסועלע ווענקונגען, וועט אויך קלאָר ווערן אויף אַן ענלעכן שטייגער. דאָס מאַכט אונדז הייסט עס שטודירן די אַנטוויקלונג פֿונעם קינדערשן סעקסועלן לעבן, און דערבײַ ווערן מיר געוווירן פֿון פֿאַרשיידענע מקורים אָט וואָס: ס'איז קודם-כּל אַ טעות ניט אויפֿצוהאַלטן, אויב מען לייקנט, אַז דאָס קינד האָט אַ סעקסועל לעבן, און מען איז משער, אַז די סעקסואַליטעט הייבט זיך אָן ערשט אין דער צײַטיקונג, ווען ס'נעמען זיך צײַטיקן די געניטאַליען. אַדרבא, דאָס קינד האָט פֿון דער סאַמע התחלה אָן אַ רײַך סעקסועל לעבן וואָס גייט זיך פֿונאַנדער אין אַ סך פּונקטן מיט דעם וואָס מען רעכנט שפּעטער פֿאַר נאָרמאַל. דאָס וואָס מיר רופֿן אין לעבן פֿון די דערוואַקסענע „פּערווערס“ גייט אַוועק פֿון דאָס נאָרמאַלע אין אַזוינע פּרטים: ערשטנס דורך מבֿטל זײַן דעם גדר פֿון מין (דער תּהום צווישן מענטש און בעל-חי), צווייטנס דורך אַריבערשפּרײַזן איבערן גדר פֿון עקל, דריטנס איבערן גדר פֿון אינצעסט (דער איִסור צו זוכן סעקסועלע באַפֿרידיקונג בײַ נאָענטע בלוט-קרובֿים), פֿערטנס איבערן גדר פֿון גלײַכ-געשלעכטיקייט, און פֿינפֿטנס דורך אַריבערטראָגן די ראָלע פֿון די געניטאַליען אויף אַנדערע אָרגאַנען און ערטער פֿון גוף. די אַלע גדרים זײַנען פֿון דער התחלה אָן ניטאָ, נאָר זיי ווערן ערשט אויפֿגעבויט בהדרגה אין משך פֿון דער אַנטוויקלונג און דערציִונג. דאָס קליינע קינד איז פֿרײַ דערפֿון. ער ווייס נאָך ניט וועגן דעם טיפֿן תּהום צווישן מענטש און בעל-חי; די גאווה, מיט וועלכער דער מענטש שיידט זיך אָפּ פֿונעם בעל-חי, קומט אים ערשט צו שפּעטער. ער ווײַזט ניט אַרויס תּחילת קיין עקל פֿאַר צואה, נאָר ער לערנט זיך פּאַמעלעך אויס מיִאוסן זיך אונטערן אָנדריק פֿון דער דערציִונג. עס אַרט אים ניט שטאַרק דער אונטערשייד פֿון די געשלעכטן, ער איז גאָר משער, אַז בײַביידן זײַנען די געניטאַליען געפֿורעמט אויפֿן זעלביקן שטייגער; ער קערעוועט זײַנע ערשטע סעקסועלע גלוסטונגען אויף די פּערזאָנען וואָס זײַנען אים צום נאָענטסטן און צום ליבסטן צוליב אַנדערע טעמים — עלטערן, מיטקינדער, אויפֿהיטערס, און ענדלעך ווײַזט זיך בײַ אים, וואָס שפּעטער אויף דער הייך פֿון אַ ליבע-באַציִונג רײַסט זיך דאָס אַדורך איבער אַ נײַס, אַז ער ריכט זיך אויף תּענוג ניט נאָר פֿון די געשלעכטיקע אָרגאַנען, נאָר אַז אַ סך אַנדערע ערטער פֿון גוף פּרע-

טענדירן אויף דער זעלבער שפּירעוודיקייט, גיבן אַנאַלאָגישע תּענוג-שפּירונגען און קענען בכן שפּילן די ראָלע פֿון גענִיטאַליען. מען קען הייסט עס אָנרופֿן דאָס קינד „פּאָלימאָרפֿיש פּערווערס", און אויב ער ווײַזט אַרויס די אַלע ווענקונגען מערניט ברעקלעכווײַז, נעמט זיך דאָס פֿון איין זײַט פֿון דער קנאַפּער אינטענסיווקייט זייערער לגבי שפּעטיקערע צײַטן פֿון לעבן, פֿון דער צווייטער זײַט פֿון דעם וואָס די דערציִונג דערשטיקט תּיכּף ענערגיש דעם קינדס אַלע סעקסועלע אַרויסווײַזן. די דאָזיקע דערשטיקונג ציט זיך, וואָס מען רופֿט, ווײַטער אין דער טעאָריע אַרײַן באופֿן, אַז די דערוואַקסענע פֿלײַסן זיך, ניט צו דערזען איין חלק פֿון די קינדערשע סעקסועלע אַרויסווײַזן און צוצונעמען בײַ אַ צווייטן חלק דורך איבערטײַטשן זײַן סעקסועלע טבֿע, ביז וואַנען זיי קענען צום סוף אָפּלייקענען דאָס גאַנצע. אָפֿט זײַנען עס די זעלבע פּאַרשוינען, וואָס פֿריִער ווילדעווען זיי אין קינדער-צימער שאַרף קעגן אַלע סעקסועלע חפֿציות פֿון די קינדער און דערנאָך פֿאַרטיידיקן זיי בײַם שרײַבטיש די סעקסועלע ריינקייט פֿון די זעלבע קינדער. ווו קינדער זײַנען איבערגעלאָזן צו זיך אַליין, אָדער אונטער דער השפּעה פֿון פֿאַרפֿירונג, ברענגען זיי אָפֿט מאָל אַרויס גאַנץ נישקשהדיקע סכומען פּערווערסע סעקסועלע אַקטיווקייט. אַוודאי זײַנען די דערוואַקסענע גערעכט, אויב זיי רופֿן דאָס „קינדערײַ" און „שפּילערײַ" און זײַנען דערויף ניט אַזוי שטאַרק מקפּיד, וואָרעם ניט פֿאַרן בית-דין פֿון מאָראַל און ניט פֿאַרן געזעץ קען מען אָפּשאַצן דאָס קינד ווי פֿולווערטיק און אַחריותדיק, נאָר די אָ זאַכן זײַנען פֿאָרט במציאות, זיי האָבן זייער באַטײַט הן ווי סימנים אויף אַ מיטגעבראַכטער קאָנסטיטוציע, הן ווי סיבות און אונטערהעלפֿער פֿון שפּעטיקערע אַנטוויקלונגען. זיי לאָזן אונדז הערן וועגן דעם קינדערשן סעקסועלן לעבן און ממילא וועגן דעם מענטשנס סעקסועלן לעבן בכלל. איז אויב מיר געפֿינען אויס הינטער אונדזערע פֿאַרקרימטע חלומות די אַלע פּערווערסע פֿאַרלאַנג-ווענקונגען, מיינט דאָס נאָר, אַז דער חלום האָט אין דעם פּרט אויך רעגרעסירט ביזן אינפֿאַנטילן מצבֿ.

ספּעציעל איז נאָך כּדאַי פֿון צווישן די דאָזיקע פֿאַרווערטע פֿאַרלאַנגען זיך אָפּצושטעלן אויף די אינצעסטיקע, ד"ה אויף די וואָס זײַנען געווענדט צו סעקסועלע באַציִונגען מיט עלטערן און מיטקינדער. איר ווייסט, וואָס פֿאַר אַ שוידער דער מענטשלעכער קיבוץ שפּירט — אָדער מאַכט כאָטש דעם אָנשטעל, אַז ער שפּירט — קעגן אַזעלכע באַציִונגען און וואָס פֿאַר אַ טראָפּ מען לייגט אויף די איסורים וואָס זײַנען געווענדט אַנטקעגן דעם. מען האָט זיך אַרויסגעשלאָגן פֿון די כּוחות אויסצוטײַטשן אָט דעם דערווידער קעגן אינצעסט. טייל האָבן משער געווען, אַז אין דעם דאָזיקן איִסור זײַנען פּסיכיש רעפּרעזענטירט כּוונות פֿון דער נאַטור לטובֿת דער גזע, וואָרעם דאָס מתחתן זײַן זיך פֿון נאָענטע קרובֿים וואָלט פֿאַרערגערט די אייגנשאַפֿטן פֿון דער ראַסע, אַנדערע האָבן אַוועקגעשטעלט אַ טעזיס, אַז דורכן צוזאַמענלעבן פֿון די פֿריִיקע קינדערשע יאָרן אָן ווערט אָפּגעצויגן די סעקסועלע תּאווה פֿון די פּערזאָנען, וואָס וועגן

זיי רעדט זיך דאָ. אין ביידע פֿאַלן וואָלט דאָך אַגבֿ דאָס אויסמײַדן אינצעסט געווען גאַראַנטירט אויטאָמאַטיש און מען וואָלט ניט געקענט פֿאַרשטיין, צוליב וואָס מען דאַרף עס די האַרבע איסורים וואָס זאָגן גיכער עדות, אַז ס׳איז פֿאַראַן אַ שטאַרקער באַגער. די פּסיכאָאַנאַליטישע אויספֿאָרשונגען האָבן געוויזן אומצווייטײַטשיק, אַז אַדרבא, דער אינצעסטיקער ליבע-אויסקלײַב איז דער ערשטער און דער רעגולערער און אַז שפּעטער מערניט הייבט זיך אָן קעגן דעם אַ קעגנשטעל, וואָס ער לאָזט זיך מיסתּמא ניט אַרויספֿירן פֿון דער אינדיווידועלער פּסיכאָלאָגיע.

לאָמיר צונויפֿנעמען אין איינעם דאָס וואָס מיר האָבן באַקומען פֿאַר פֿאַרשטיין דעם חלום פֿון אַרײַנטיפֿן זיך אין קינדער-פּסיכאָלאָגיע. ניט נאָר האָבן מיר געפֿונען, אַז דער מאַטעריאַל פֿון די פֿאַרגעסענע קינדערשע איבערלעבונגען איז צוטריטלעך פֿאַרן חלום, נאָר מיר האָבן אויך געזען, אַז דאָס פּסיכישע לעבן פֿון קינדער מיט אַלע זײַנע אייגנקייטן, מיט זײַן עגאָיזם, מיט זײַן אינצעסטיקן ליבע-אויסקלײַב אאַז״וו עקסיסטירט נאָך אַלץ פֿאַרן חלום, ד״ה אין דער אומוויסיקייט, און אַז דער חלום פֿירט אונדז יעטווידער נאַכט צוריק אויף אָט דעם אינפֿאַנטילן שטאַפּל. ס׳ווערט פֿאַר אונדז אויף אַזאַ אופֿן באַקרעפֿטיקט, אַז דאָס אומוויסיקע אין פּסיכישן לעבן איז דאָס אינפֿאַנטילע. דער אויסטערלישער רושם, אַז אינעם מענטשן שטעקט אַזוי פֿיל שלעכטס, נעמט ווערן שוואַכער. אָט דאָס שוידערלעכע שלעכטס איז פּשוט דאָס תּחילתדיקע, דאָס פּרימיטיווע, דאָס אינפֿאַנטילע פֿונעם פּסיכישן לעבן, וואָס בײַם קינד קענען מיר עס געפֿינען ווירקעוודיק, וואָס טיילווײַז זעען מיר עס אָבער ניט בײַ אים צוליב זײַן קליינעם פֿאַרנעם, צום טייל זײַנען מיר דערויף ניט מקפּיד, ווײַל מיר פֿאָדערן ניט פֿון קינד קיין עטישע הייך. רעגרעסירנדיק ביז דעם דאָזיקן שטאַפּל מאַכט דער חלום דעם אײַנדרוק, ווי ער וואָלט אַרויסגעבראַכט אויף דער ליכטיקער שײַן דאָס שלעכטס אין אונדז. אָבער ס׳איז מערניט אַ פֿלומרשט, אַן אָפּדוכט, פֿון וועלכן מיר האָבן זיך געלאָזט אָנשרעקן. מיר זײַנען ניט אַזעלכע שלעכטע ווי מיר האָבן געוואָלט אָננעמען נאָכן באַשיידן די חלומות.

אויב די בייזע ווערקונגען פֿון די חלומות זײַנען מערניט אינפֿאַנטיליזמען, אַן אומקער צו די התחלות פֿון אונדזער עטישער אַנטוויקלונג, מיט דעם וואָס דער חלום מאַכט פֿון אונדז פּשוט צוריק קינדער אין טראַכטן און פֿילן, איז טראָגט דאָך אויס דער שׂכל, אַז מיר האָבן זיך ניט וואָס צו שעמען מיט די דאָזיקע בייזע חלומות. אָבער דאָס שׂכלדיקע איז מערניט איין חלק אין פּסיכישן לעבן, חוץ דעם פֿאַרלויפֿן זיך נאָך אין דער פּסיכיק פֿאַרשיידענע זאַכן וואָס זײַנען ניט שׂכלדיק, און דערפֿון נעמט זיך עס, אַז הגם דאָס איז ניט שׂכלדיק, שעמען מיר זיך פֿאָרט מיט אַזוינע חלומות. מיר לייגן אַרויף אויף זיי די חלום-צענזור, מיר שעמען זיך און זײַנען זיך אין כּעס, אויב ס׳איז ווי אַ יוצא מן הכּלל איינעם פֿון די דאָזיקע פֿאַרלאַנגען געראָטן צו דעררײַסן זיך צו דער וויסיקייט

אין אַזאַ אומפֿאַרקרימטער פֿאָרם, אַז מיר מוזן אים דערקענען, מיר שעמען זיך אַפֿילו ווען ניט ווען מיט די פֿאַרקרימטע חלומות פונקט גלײַך מיר וואָלטן זיי פֿאַרשטיין. דערמאָנט זיך נאָר דעם גרימצאָרנדיקן אָפּשאַץ פֿון יענער בכּבֿודער אַלטער דאַמע אויף איר ניט-באַשיידטן חלום וועגן „דינען דורך ליבע". די פּראָבלעם בלײַבט הייסט עס ניט-פֿאַרענטפֿערט, און ס'קען נאָך געמאָלט זײַן, אַז ווען מיר וועלן זיך ווײַטער אָפּגעבן מיטן שלעכטס אין חלום, וועלן מיר קומען צו אַן אַנדער אָפּשאַץ און צו אַן אַנדער שאַצונג פֿון דער מענטשלעכער נאַטור.

ווי אַ רעזולטאַט פֿון דער גאַנצער זוכונג קומען מיר צו צוויי מסקנות וואָס זײַנען אָבער מערניט אַן אָנהייב פֿון נײַע רעטענישן, פֿון נײַע ספֿקות. ערשטנס: די רעגרעסיע פֿון דער חלום-אַרבעט איז ניט נאָר אַ פֿאָרמאַלע, נאָר אַ מאַטעריעלע אויך. זי-די וואָס זי זעצט איבער אונדזערע געדאַנקען אין אַ פּרימיטיווער אויסדריק-פֿאָרם, נאָר זי וועקט אויך אויף צוריק די ספּעציעלע אייגנשאַפֿטן פֿון אונדזער פּרימיטיוון פּסיכישן לעבן, די אַלטע איבערמעכטיקייט פֿונעם איך, די תּחילתדיקע וועקונגען פֿון אונדזער סעקסועלן לעבן, אַפֿילו אונדזער אַלטן אינטעלעקטועלן באַזיץ, אויב מיר מעגן אַזוי קוקן אויף דער סימבאָלישער באַציִונג. און צווייטנס: אָט גאָר דאָס אַלטע אינפֿאַנטילע, וואָס אַ מאָל האָט עס געוועלטיקט און געוועלטיקט אויטאָקראַטיש, מוזן מיר הײַנט צורעכענען צו דאָס אומוויסיקע, וואָס אונדזערע פֿאָרשטעלונגען וועגן דעם בײַטן זיך און פֿאַרברייטערן זיך איצט. אומוויסיק איז שוין מער ניט קיין נאָמען פֿאַר דעם וואָס ס'איז ערשט פֿאַרבאַהאַלטן, די אומוויסיקייט איז אַ פּסיכיש מלכות פֿאַר זיך, מיט אייגענע פֿאַרלאַנג-וועקונגען, מיט אַן אייגענעם שטייגער אויס-דריקן זיך און מיט כאַראַקטעריסטישע פּסיכישע מעכאַניזמען, וואָס מחוץ דעם מלכות איז זייער בטל כּוח. אָבער די פֿאַרבאַהאַלטענע חלום-געדאַנקען וואָס מיר האָבן געטראָפֿן דורך באַשיידן דעם חלום זײַנען דאָך ניט פֿון דעם דאָזיקן מלכות; אַדרבא, זיי זײַנען אַזוי ווי מיר וואָלטן זיי געקענט טראַכטן אויף דער וואָר אויך. נאָר אומוויסיק זײַנען זיי אָבער פֿאָרט; טאָ ווי אַזוי פֿאַרענטפֿערט זיך אָט די סתּירה? מיר נעמען זיך דערטראַכטן, אַז מען דאַרף דאָ פֿונאַנדער-שיידן. אויף אויסצופֿורעמען דעם חלום קומט זיך צונויף עפּעס אַזוינס וואָס וואַקסט פֿון אונדזער וויסיקן לעבן און פֿאַרמאָגט זײַנע סימנים — מיר רופֿן עס: טאָגרעשטן — מיט עפּעס אַנדערש וואָס איז פֿון יענעם מלכות פֿון אומ-וויסיקייט. צווישן די דאָזיקעביידע חלקים קומט פֿאָר די חלום-אַרבעט. דאָס וואָס די טאָגרעשטן ווערן מושפּע דורך דאָס אומוויסיקע וואָס קומט צו איז מיסתּמא דער תּנאַי פֿאַר דער רעגרעסיע. דאָס איז דער טיפֿסטער אַרײַנבליק אינעם מהות פֿון חלום, צו וועלכן מיר קענען קומען איידער מיר האָבן דורכ-געניִשטערט נאָך פּסיכישע שטחים. נאָר ס'וועט באַלד זײַן די צײַט אָנצורופֿן מיט אַן אַנדער נאָמען דעם אומוויסיקן כאַראַקטער פֿון די פֿאַרבאַהאַלטענע חלום-געדאַנקען, אויף אָפּצושיידן פֿון דאָס אומוויסיקע וואָס פֿון יענעם מלכות פֿון דאָס אינפֿאַנטילע.

מיר קענען געװײנטלעך נאָך פֿרעגן אַ פֿראַגע: װאָס ברענגט די פסיכישע טעטיקײט אין שלאָפֿן צו אַזאַ רעגרעסיע? פֿאַר װאָס פֿאַרטיקט זי זיך ניט אָפּ אָן רעגרעסיע מיט די פסיכישע רײצן װאָס פֿאַרשטערן דעם שלאָף? און אויב די מאַסקירונג אין דער אַלטער, איצט אומפֿאַרשטענדלעכער אויס-דריק-פֿאָרם ניצט זי מתּוך מאָטיװן פֿון חלום-צענזור, איז צו װאָס טויג איר אויפֿצולעבן צוריק די אַלטע פסיכישע װעקונגען, פֿאַרלאַנגען און כאַראַקטער-שטריכן װאָס מען האָט שוין איצט גובֿר געװען, ד״ה די מאַטעריעלע רעגרעסיע װאָס קומט צו צו דער פֿאָרמאַלער? די אײנציקער תּשובֿה װאָס װאָלט אונדז באַפֿרידיקט װאָלט געװען, אַז נאָר אויף אַזאַ אופֿן קען געפֿורעמט װערן אַ חלום, אַז דינאַמיש איז אַנדערש ניט מיגלעך אָפּצושאַפֿן דעם חלום-רײץ. אָבער לעת-עתּה זײַנען מיר ניט באַרעכטיקט צו געבן אַזאַ תּשובֿה.

# פֿאַרלאַנגען ווערן מקוים

חשובֿע דאַמען און הערן! צי זאָל איך נאָך אַ מאָל אויסלייגן פֿאַר אײַך, וואָס פֿאַר אַ וועג מיר האָבן דורכגעמאַכט ביז אַהער? ווי מיר האָבן בײַם אָנווענדן אונדזער טעכניק אָנגעגעגנט די חלום-פֿאַרקרימונג, ווי מיר האָבן זיך מישבֿ געווען, אַז איידער וואָס ווען, וועלן מיר איר גיין אויסן וועג, און ווי מיר האָבן פֿון די אינפֿאַנטילע חלומות באַקומען די אינפֿאָרמאַציעס וועגן דעם מהות פֿון חלום, וועלכע האָבן מכריע געווען, ווי מיר האָבן דערנאָך, באַוואָפֿנט מיט די רעזולטאַטן פֿון אָט דער אויספֿאָרשונג, דירעקט אַטאַקירט די חלום-פֿאַרקרימונג און זי, אַזוי פֿאַרהאָף איך, טריטווײַז גובֿר געווען אויך? נאָר איצט מוזן מיר זיך זאָגן, אַז דאָס וואָס מיר האָבן געפֿונען אויף איין וועג און אויפֿן צווייטן גייט זיך ניט אין גאַנצן צונויף. שטעלט זיך פֿאַר אונדז די אויפֿגאַבע צונויפֿצושטעלןביידע מינים רעזולטאַטן און אויסצושטימען זיי מיט אַנאַנד.

פֿון ביידע זײַטן האָט זיך בײַ אונדז באַקומען, אַז די חלום-אַרבעט איז בעיקר אַן איבערפֿירן געדאַנקען אין אַ האַלוצינאַטאָרישער איבערלעבונג. ווי אַזוי דאָס קען געמאָלט זײַן איז ניט קיין קליינע רעטעניש, אָבער ס׳איז אַ פּראָבלעם פֿון דער אַלגעמיינער פּסיכאָלאָגיע, וואָס דאָ וועלן מיר זיך מיט איר ניט אָפּגעבן. פֿון די קינדערשע חלומות זײַנען מיר געוווירער געוואָרן, אַז די חלום-אַרבעט איז אויסן דורכן מקוים ווערן פֿון אַ פֿאַרלאַנג אָפּצוראַמען אַ פּסיכישן רייץ וואָס פֿאַרשטערט דעם שלאָף. וועגן די פֿאַרקרימטע חלומות האָבן מיר עפּעס אַזוינס ניט געקענט זאָגן איידער מיר האָבן געוווּסט, ווי אַזוי זיי צו באַשיידן, נאָר געריכט האָבן מיר זיך פֿון אָנהייב אָן, אַז מיר וועלן קענען אַרונטערברענגען די פֿאַרקרימטע חלומות אונטער די זעלבע זעפּונקטן ווי די אינפֿאַנטילע חלומות. צום ערשטן איז דער דאָזיקער אויסקוק אונדזערער מקוים געוואָרן דורכן דערקענען, אַז אין גרונט זײַנען אַלע חלומות — חלומות פֿון קינדער, אַז זיי אַרבעטן מיט אינפֿאַנטילן מאַטעריאַל, מיט קינדערשע פּסיכישע ווענקונגען און קינדערשע מעכאַניזמען. נאָך דעם ווי מיר האַלטן, אַז מיר האָבן די חלום-פֿאַרקרימונג גובֿר געווען, דאַרפֿן מיר זיך נעמען אויספֿאָרשן, צי דער קוק וועגן דעם מקוים ווערן פֿון פֿאַרלאַנגען איז חל אויף די פֿאַרקרימטע חלומות אויך.

מיר האָבן ערשט דאָ ניט לאַנג זיך פֿאַרנומען מיט באַשיידן אַ ריי חלומות, נאָר דאָס מקוים ווערן פֿון פֿאַרלאַנגען האָבן מיר דערבײַ אין גאַנצן ניט גענומען

אין אַכט. איך בין בטוח, אַז דערבײַ האָט זיך אײַך ניט איין מאָל געבעטן אַ פֿראַגע: ווו זשע איז דאָס מקוים ווערן פֿון אַ פֿאַרלאַנג, וואָס דאָס איז דאָך מכּלומרשט דער ציל פֿון דער חלום־אַרבעט? די פֿראַגע איז אַ חשובֿע; זי איז עס געוואָרן די פֿראַגע פֿון אונדזערע קריטיקער־הדיוטים. ווי איר ווייסט, פֿאַרמאָגט די מענטשהייט אַן אינסטינקטיווע שטרעבונג אָפּצוּוואַרפֿן אינטעלעקטועלע נײַסן. צווישן די אַרויסווײַזונגען פֿון דער דאָזיקער שטרעבונג איז פֿאַראַן דאָס, וואָס אַזאַ נײַס ווערט תּיכּף רעדוצירט ביזן קלענסטן פֿאַרנעם, ווי ווײַט מיגלעך צונויפֿגעפּרעסט אין אַ שלאָגוואָרט. פֿאַר דער נײַער לערע וועגן חלום איז דאָס מקוים ווערן פֿון אַ פֿאַרלאַנג געוואָרן אַזאַ שלאָגוואָרט. תּיכּף נאָך דעם ווי דער הדיוט האָט געהערט, אַז דער חלום איז כּלומרשט דאָס מקוים ווערן פֿון אַ פֿאַרלאַנג, פֿרעגט ער אַ פֿראַגע: ווו איז דאָס מקוים ווערן פֿון אַ פֿאַרלאַנג? און שטעלנדיק זי, ענטפֿערט ער אויף איר נעגאַטיוו. תּיכּף קומען אים אויפֿן זינען אייגענע געפּרווון אָן אַ צאָל מיט חלומות, וואָס אין זיי האָט זיך געקניפּט מיט די חלומות אומתּענוג ביז שווערן פּחד, אַזוי אַז דער טעזיס פֿון דער פּסיכאָאַנאַליטישער חלום־לערע קומט אויס היפּש ווײַט פֿון אמת. אונדז איז גרינג צו ענטפֿערן אים, אַז בײַ די פֿאַרקרימטע חלומות קען דאָס מקוים ווערן פֿון אַ פֿאַרלאַנג ניט זײַן אָפֿן. נאָר מען מוז דאָס ערשט זוכן, אַזוי אַז איידער מען באַשיידט דעם חלום קען מען דאָס ניט ווײַזן. אויך ווייסן מיר, אַז די פֿאַרלאַנגען פֿון די דאָזיקע פֿאַרקרימטע חלומות זײַנען פֿאַרווערטע פֿאַרלאַנגען, אָפּגעוואָרפֿענע דורך דער צענזור, אַז זייער עקסיסטענץ איז טאַקע געוואָרן די סיבה פֿון דער חלום־פֿאַרקרימונג, דער מאָטיוו פֿאַר דער חלום־צענזור זיך אַרײַנצומישן. נאָר דעם קריטיקער דעם הדיוט איז שווער צו געבן צו פֿאַרשטיין, אַז איידער דער חלום איז באַשיידט, טאָר מען ניט פֿרעגן אויפֿן פֿאַרלאַנג וואָס ווערט אין אים מקוים. סײַ ווי וועט ער דאָס כּסדר פֿון דאָס נײַ פֿאַרגעסן. זײַן נעגאַטיווע האַלטונג קעגן דער טעאָריע פֿון מקוים ווערנדיקע פֿאַרלאַנגען איז בעצם ניט קיין אַנדער זאַך ווי אַ קאָנסעקווענץ פֿון דער חלום־צענזור, אַ במקום און אַ פּועל־יוצא פֿון אָפּוואַרפֿן אָט די צענזורירטע חלום־פֿאַרלאַנגען.

געווייינטלעך, מיר וועלן אויך האָבן אַ באַדערפֿעניש אויפֿצוקלערן פֿאַר זיך דאָס וואָס עס זײַנען פֿאַראַן אַזוי פֿיל חלומות מיט אַ פּריקרען אינהאַלט, און דער עיקר, וואָס עס זײַנען פֿאַראַן פּחד־חלומות. מיר טרעפֿן זיך דאָ אָן צום ערשטן מאָל מיט דער פּראָבלעם פֿון אַפֿעקטן אין חלום, וואָס זי וואָלט ווערט געווען אַ שטודיום פֿאַר זיך, נאָר מיר קענען זיך, אַ שאָד, דערמיט ניט פֿאַרנעמען. אויב דער חלום איז דאָס מקוים ווערן פֿון אַ פֿאַרלאַנג, וואָלטן דאָך פּריקרע שפּירונגען געדאַרפֿט זײַן אוממיגלעך אין חלום. דערין זײַנען, ווײַזט אויס, די קריטיקער־הדיוטים גערעכט. נאָר מען דאַרף דאָ אין זינען האָבן דרײַ מינים קאָמפּליקאַציעס, וועגן וועלכע זיי האָבן ניט געטראַכט.

ראשית: עס קען געמאָלט זײַן, אַז עס איז דער חלום־אַרבעט ניט בשלימות געראָטן צו ברענגען דערצו, אַז אַ פֿאַרלאַנג זאָל מקוים ווערן, אַזוי אַז

אַ חלק פונעם פריקרען אַפעקט פון די חלום-געדאַנקען בלייבט איבער פאַרן אָפּגעוואָרן חלום. דער אַנאַליז וואָלט יעמאָלט געדאַרפט ווייַזן, אַז אָט די חלום-געדאַנקען זייַנען געווען נאָך אַ סך מער פריקרע איידער דער חלום וואָס איז אויסגעפורעמט געוואָרן פון זיי. אַזוי פיל לאָזט זיך טאַקע יעדער מאָל אויפ-ווייַזן. מיר זייַנען יעמאָלט מודה, אַז די חלום-אַרבעט האָט ניט דערגרייכט איר ציל, פונקט אַזוי ווי דער טרינק-חלום בייַ אַ דאָרשטרייַץ האָט ניט דערגרייכט זייַן כוונה צו שטילן דעם דאָרשט. מען בלייַבט דאָרשטיק און מען מוז זיך אויפכאַפּן, כדי צו נעמען אַ טרונק. אָבער פאָרט איז דאָס געווען אַ ריכטיקער חלום, ער האָט ניט מוותר געווען אויף גאָרניט פון זייַן מהות. מיר מוזן זאָגן: ut desint vires, tamen est laudanda voluntas. די בולט קענטלעכע כוונה לכל-הפחות איז אַלץ ווערט אַ שבח. אַזוינע פאַלן פון דורכפאַלן זייַנען ניט זעלטן. עס העלפט נאָך צו דערבייַ דאָס, וואָס דער חלום-אַרבעט קומט אָן אויף אַזוי פיל שווערער איבערצובייַטן אויף איר שטייגער אַפעקטן איידער אינהאַלטן; די אַפעקטן זייַנען טייל מאָל זייער ווידערשטאַנדיק. טרעפט דעריבער, אַז די חלום-אַרבעט האָט דעם פריקרען אינהאַלט פון די חלום-געדאַנקען איבערגע-אַרבעט אין אַ מקוים געוואָרענעם פאַרלאַנג, בשעת ווען דער פריקרער אַפעקט רייַסט זיך נאָך אַדורך ניט קיין געביטענער. אין אַזוינע חלומות קלעפט זיך דער אַפעקט גאָרניט מיטן אינהאַלט, און אונדזערע קריטיקער קענען זאָגן, אַז דער חלום איז אַזוי ווייניק דאָס מקוים ווערן פון אַ פאַרלאַנג, אַז אַפילו אַ פאַרעוועטער אינהאַלט קען אין אים געשפירט ווערן ווי פריקרע. מיר ווען אָפּענטפערן אויף אָט דער ניט שטאַרק קלוגער באַמערקונג, אַז די טענדענץ פון דער חלום-אַרבעט אין פרט פון מקוים ווערן פון אַ חלום ווייַזט זיך אַרויס צום בולטסטן דווקא בייַ אַזוינע חלומות, וואָרעם דאָ זעען מיר דאָס איזאָליר-טערהייט. דער טעות נעמט זיך פון דעם, וואָס ווער עס קען ניט די נעוראָזן, דער שטעלט זיך פאָר די פאַרקניפונג פון אינהאַלט און אַפעקט ווי צו אַן אינטימע, און דעריבער קען ער ניט תופס זייַן, אַז אַן אינהאַלט זאָל געביטן ווערן און דער אַפעקט-אַרויסווייַז וואָס איז דערצו שייך זאָל זיך ניט בייַטן צוזאַמען מיט אים.

אַ צווייטער מאָמענט, אַ סך אַ וויכטיקערער און אַ טיפער גרייכנדיקער, וואָס דער הדיוט לאָזט אויך אַרויס פון אויג, איז אָט וואָס: דאָס מקוים ווערן פון אַ חלום וואָלט אוודאי געדאַרפט פאַרשאַפן תענוג, אָבער עס פרעגט זיך נאָך, וועמען? געוויינטלעך דעם וואָס האָט דעם פאַרלאַנג. נאָר וועגן דעם בעל-חלום איז אונדז באַוווסט, אַז ער האָט גאָר אַ ספּעציעלע באַציִונג צו זייַנע פאַרלאַנגען. ער וואַרפט זיי אָפּ, ער צענזורירט זיי, בקיצור, ער האָט זיי ניט האָלט. ווען זיי זאָלן מקוים ווערן, קען דאָס אים הייסט עס ניט ברענגען קיין תענוג, נאָר מערניט דעם היפוך דערפון. דער געפּרווו ווייַזט ווייַטער, אַז אָט דער היפוך, וואָס דאָס דאַרף מען נאָך אויפקלערן, באַווייַזט זיך אין דער פאָרם פון פחד. אַ כלל דער בעל-חלום, קומט אויס, איז אין זייַן באַציִונג צו זייַנע חלום-פאַר-לאַנגען גאָר געגליכן צו אַ סך-הכל פון צוויי פערזאָנען וואָס זייַנען פאָרט

פֿאַרבונדן דורך אַ שטאַרקער שותּפֿותדיקייט. אַנשטאָט ווײַטער מאריך צו זײַן — נאַט אײַך אַ באַוווּסט מעשׂהלע, ווי איר וועט געפֿינען די נעמלעכע באַצײַונגען. אַ גוטע פֿעע איז מבטיח אַן אָרעמען פּאָר־פֿאָלק, מאַן און ווײַב, אַז זייערע ערשטע דרײַ פֿאַרלאַנגען וועלן מקוים ווערן. זיי זײַנען אויפֿן זיבעטן הימל און באַשליסן בײַ זיך, אַז זיי וועלן זאָרגעוודיק אויסקלײַבן אָט די דרײַ פֿאַרלאַנגען. נאָר די פֿרוי לאָזט זיך פֿאַרפֿירן דורכן ריח פֿון געבראָטענע וואָרשטלעך פֿון דעם נאָענטסטן שטיבל און פֿאַרלאַנגט אויך אַזאַ פּאָר וואָרשטלעך. תּוך כּדי דיבור זײַנען זיי דאָ; אָט איז דער ערשטער פֿאַרלאַנג מקוים געוואָרן. ווערט דער מאַן אין כּעס, און אין זײַן פֿאַרביטערונג פֿאַרלאַנגט ער, אַז די וואָרשטלעך זאָלן הענגען בײַ דער פֿרוי אויף דער נאָז. כּך־הווה, און מען קען ניט צונעמען די וואָרשטן פֿון זייער נײַעם פּלאַץ, אָט איז מקוים געוואָרן דער צווייטער פֿאַרלאַנג, אָבער דאָס איז דעם מאַנס פֿאַרלאַנג; דער פֿרוי איז דאָס מקוים ווערן פֿון דעם פֿאַרלאַנג שטאַרק ניט ניחא. איר ווייסט, ווי אַזוי דאָס מעשׂהלע גייט ווײַטער. היות דיביידע זײַנען אין גרונט פֿאָרט איינס, מאַן און ווײַב, מוז זײַן דער דריטער פֿאַרלאַנג, אַז די וואָרשטלעך זאָלן אַוועקגיין פֿון דער ווײַבס נאָז. מיר וואָלטן דאָס דאָזיקע מעשׂהלע געקענט פֿאַרניצן נאָך מער ווי איין מאָל אין אַן אַנדער שײַכות; דאָ זאָל עס אונדז נאָר דינען אויף צו אילוסטרירן די מיגלעכקייט, אַז דאָס מקוים ווערן פֿון איינעמס פֿאַרלאַנג קען ברענגען צו אומתּענוג פֿאַרן צווייטן, אויב די ביידע זײַנען ניט שווה־בשווה צווישן זיך.

איצטער וועט אונדז אָנקומען גרינג צו דעראַרבעטן זיך צו נאָך אַ בעסערן פֿאַרשטאַנד פֿון די פּחד־חלומות. מיר וועלן מערניט פֿאַרניצן נאָך אַן אָבסערוואַציע און זיך דערנאָכדעם באַשליסן אויף אַ הנחה, וואָס מען קען דערויף ברענגען היפּש טעמים. די אָבסערוואַציע איז, אַז די פּחד־חלומות האָבן אָפֿט אַן אינהאַלט, וואָס אין אים פֿעלט לחלוטין די פֿאַרקרימונג, וואָס ער האָט, וואָס מען רופֿט, אויסגעמיטן די צענזור. דער פּחד־חלום איז אָפֿט דאָס אומפֿאַרהוילענע מקוים ווערן פֿון אַ פֿאַרלאַנג, געוויינטלעך ניט פֿון אַן אָנגעלייגטן פֿאַרלאַנג, נאָר פֿון אַן אָפּגעוואָרפֿענעם. אויפֿן אָרט פֿון דער צענזור איז געקומען און האָט זיך אַנטוויקלט פּחד. בשעת ווען וועגן אינפֿאַנטילן חלום קען מען זאָגן, אַז אין אים ווערט אָפֿן מקוים אַ דערלאָזענער פֿאַרלאַנג; וועגן אַ פּשוטן פֿאַרקרימטן חלום, אַז אין אים ווערט פֿאַרהוילענערהייט מקוים אַ פֿאַרשטויסענער פֿאַרלאַנג — טויג פֿאַרן פּחד־חלום מערניט אַ פֿאָרמל, אַז אין אים ווערט אָפֿן מקוים אַ פֿאַרשטויסענער פֿאַרלאַנג. דער פּחד איז אַ סימן, אַז דער פֿאַרשטויסענער פֿאַרלאַנג האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר שטאַרקער איידער די צענזור, אַז ער האָט דורכגעשטופּט אָדער געהאַלטן אין דורכשטופּן דאָס מקוים ווערן פֿון זײַן פֿאַרלאַנג איר אויף צו להכעיס. מיר פֿאַרשטייען, אַז דאָס וואָס פֿאַר אים איז דאָס מקוים ווערן פֿון אַ פֿאַרלאַנג איז פֿאַר אונדז, וואָס מיר שטייען אויפֿן צד פֿון דער חלום־צענזור, מערניט אַ גורם פֿאַר פּריקרע שפּירונגען און פֿאַר שטעלן זיך אַנטקעגן. דער פּחד וואָס באַווײַזט

זיך דערבײַ אין חלום איז. אויב איר ווילט, אַ פּחד פֿאַר דער שטאַרקייט פֿון די דאָזיקע פֿאַרלאַנגען, וואָס בדרך-כּלל לאָזט מען זיי ניט אויפֿהייבן דעם קאָפּ. פֿאַר וואָס דאָס דאָזיקע שטעלן זיך אַנטקעגן באַווײַזט זיך אין דער פֿאָרם פֿון פּחד — דאָס קען מען ניט טרעפֿן שטודירנדיק דעם חלום איינעם אַליין; מען מוז משמעות שטודירן דעם פּחד ערגעץ אַנדערש.

דאָס נעמלעכע וואָס ס'איז חל אויף די ניט-פֿאַרקרימטע פּחד-חלומות מעגן מיר אָפּלערנען אויך אויף יענע חלומות, וואָס טיילווײַז זײַנען זיי יאָ פֿאַרקרימט געוואָרן, און אויף אַנדערע חלומות פֿון אומתּענוג, וואָס זייערע פּריקרע שפּירונגען קאָרעספּאָנדירן מיסתּמא מיט דערנענטערונג צו פּחד. דער פּחד-חלום איז בדרך-כּלל אַ וועק-חלום אויך; מיר זײַנען זיך נוהג איבערצורײַסן דעם שלאָף איידער דער פֿאַרשטויסענער פֿאַרלאַנג פֿון חלום האָט, אויף צו להכעיס דער צענזור, דורכגעשטופּט זײַנס און איז אין גאַנצן מקוים געוואָרן. אין דעם פֿאַל איז די פּעולה פֿונעם חלום דורכגעפֿאַלן, נאָר זײַן מהות האָט זיך דערפֿון ניט געביטן. מיר האָבן צוגעגליכן דעם חלום צו אַ נאַכט-שומר אָדער צו אַ שומר פֿון שלאָף, וואָס וויל אָפּהיטן אונדזער שלאָף פֿון פֿאַרשטערט ווערן. דעם נאַכט-שומר קומט אויך אויס אויפֿצוּוועקן די שלאָפֿנדיקע — דהײַנו אויב ער פֿילט זיך צו שוואַך איינער אַליין אָפּצוטרײַבן די פֿאַרשטערונג אָדער די סכּנה. פֿון דעסט וועגן גיט זיך אונדז טייל מאָל אײַן צו פֿאַרהאַלטן דעם שלאָף אַפֿילו אויב דער חלום הייבט אָן ווערן מסוכּן און נעמט זיך קערן צו פּחד. מיר זאָגן זיך אין שלאָף: ס'איז דאָך מער ניט ווי אַ חלום — און מיר שלאָפֿן ווײַטער.

ווען זשע קען דאָס טרעפֿן, אַז דעם חלום-פֿאַרלאַנג זאָל אויסקומען גובֿר צו זײַן די צענזור? דער תּנאַי וואָס פֿאָדערט זיך אויף דעם קען אויסגעפֿאָלגט ווערן הן מצד דעם חלום-פֿאַרלאַנג, הן מצד דער חלום-צענזור. ס'קען זיך מאַכן, אַז איבער אומבאַוווּסטע טעמים זאָל דער פֿאַרלאַנג זיך שטאַרקן איבער דער מאָס; אָבער עס באַקומט זיך דער אײַנדרוק, אַז אָפֿטער איז אין דעם דאָזיקן איבעררוק פֿון דער כּוחות-פֿאַרהעלטעניש שולדיק דער אויפֿפֿיר פֿון דער חלום-צענזור. מיר האָבן שוין געהערט, אַז די צענזור אַרבעט אין יעטווידער פֿאַל מיט אַ פֿאַרשיידענער אינטענסיוויקייט, אַז זי באַגייט זיך מיט יעטווידער עלעמענט מיט אַן אַנדער גראַד שטרענגקייט; איצטער וואָלטן מיר וועלן מוסיף זײַן די הנחה, אַז זי איז בכלל היפּש בײַטעוודיק און ניט יעטווידער מאָל גייט זי אַרויס מיט דער זעלבער שטרענגקייט קעגן דעם נעמלעכן אומפּאַסיקן עלעמענט. אויב ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז זי פֿילט זיך אַ מאָל אָן כּוח אַנטקעגן אַ חלום-פֿאַרלאַנג, וואָס אָט אָט איז ער זי אומגעריכט גובֿר, איז ניצט זי אַנשטאָט פֿאַרקרימען די לעצטע תּרופֿה וואָס בלײַבט איר — און זי ליקווידירט דעם שלאָף-מצבֿ, אַנטוויקלענדיק דערבײַ פּחד.

דאָ כאַפּן מיר זיך, אַז מיר ווייסן דאָך נאָך בכלל ניט, פֿאַר וואָס אָט די בייזע אָפּגעוואָרפֿענע פֿאַרלאַנגען וועקן זיך פּונקט בײַ נאַכט, כּדי אונדז צו שטערן אין שלאָף. די תּשובֿה קען דוכט זיך זײַן מערניט

אַ הנהה וואָס קומט צוריק צו דער טבֿע פֿון שלאָף מצבֿ. ביַי טאָג דריקט אויף די דאָזיקע פֿאַרלאַנגען די שווערע משׂא פֿון אַ צענזור, וואָס מאַכט פֿאַר זיי בדרך-כּלל אוממיגלעך זיך אַרויסצוּוויַיזן דורך עפּעס אַ פּעולה. ביַי נאַכט ווערט מיסתּמא די דאָזיקע צענזור, פּונקט ווי אַלע אַנדערע אינטערעסן פֿון פּסיכישן לעבן, אָפּגעשטעלט אָדער לכל-הפּחות שטאַרק רעדוצירט לטובֿת דעם איין איינציקן פֿאַרלאַנג פֿון שלאָף. אַט דער דאָזיקער רעדוקציע פֿון דער צענזור ביַי נאַכט האָבן עס צו פֿאַרדאַנקען די פֿאַרווערטע פֿאַרלאַנגען, וואָס זיי מעגן זיך וועקן איבער אַ ניַיס. פֿאַראַן שלאָפֿלאָזע נערוועזשע מענטשן וואָס זיַינען זיך מודה פֿאַר אונדז, אַז זייער שלאָפֿלאָזיקייט איז תּחילת געווען אַ געווּנ-ווילּיקע. זיי האָבן זיך ניט דערוועגט אַנטשלאָפֿן צו ווערן, וויַיל זיי האָבן מורא געהאַט פֿאַר זייערע חלומות, דאָס הייסט פֿאַר די רעזולטאַטן פֿון אַזאַ פֿאַרמינערן די צענזור. פֿאָרט וועט איר מיסתּמא גרינג זען, אַז דאָס דאָזיקע אָפּשטעלן די צענזור איז פֿון דעסט וועגן ניט קיין גרויסע ניט-אָפּגעהיטקייט. דער שלאָף-מצבֿ פּאַראַליזירט אונדזער רירעוודיקייט; אונדזערע בייזע כּוונות, אַפֿילו ווען זיי נעמען זיך רירן, קענען פֿאָרט ניט מאַכן קיין אַנדער זאַך ווי אַ חלום, וואָס פּראַקטיש קען ער קיין שלעכטס ניט אָפּטון, און אין דעם דאָזיקן באַרויִקנ-דיקן פֿאַקט דערמאָנט די זייער בר-דעתדיקע באַמערקונג פֿונעם שלעפֿער, וואָס זיקער זיך יאָ אָן מיט דער נאַכט, אָבער ניט מיטן חלום-לעבן: ס'איז דאָך מער-ניט אַ חלום. טאָ זאָל אונדזערס איבערגיין און לאָמיר שלאָפֿן וויַיטער.

אויב איר וועט זיך, דריטנס, דערמאָנען אינעם באַנעם, אַז דער בעל-חלום וואָס שפּאַרט זיך קעגן זיַינע פֿאַרלאַנגען איז געגליכן צו אַ סך-הכּל פֿון צוויי באַזונדערע, אָבער ווי עס איז אינטים פֿאַרבונדענע פּערזאָנען, וועט זיך איַיך לייגן אויפֿן שׂכל אַן אַנדער מיגלעכקייט, ווי אַזוי עס קען דורכן מקוים ווערן פֿון אַ פֿאַרלאַנג נולד ווערן עפּעס אַזוינס וואָס איז גאָר שטאַרק אומתּענוגדיק, דהיַינו אַ באַשטראָפֿונג. דאָ קען אונדז ווידער אַ מאָל דינען פֿאַר אַן אילוסטראַציע דאָס מעשׂהלע מיט די דריַי פֿאַרלאַנגען: אין די געבראָטענע וואָרשטלעך אויפֿן טעלער איז דירעקט מקוים געוואָרן דער פֿאַרלאַנג פֿון דער ערשטער פּערזאָן, פֿון דער פֿרוי; די וואָרשטלעך אויף איר נאָז זיַינען דאָס מקוים ווערן פֿונעם פֿאַרלאַנג פֿון דער צווייטער פּערזאָן, דעם מאַן, נאָר פֿאַר איינס אויך די שטראָף פֿאַר דער פֿרויס נאַרישן פֿאַרלאַנג. ביַי די נעווראָזן וועלן מיר שפּעטער אָפּזוכן די מאָטיווירונג פֿונעם דריטן פֿאַרלאַנג, דעם איינציקן וואָס בליַיבט נאָך איבער אינעם מעשׂהלע. נו, אַזוינע שטראָפֿטענדענצן זיַינען פֿאַראַן אַ סך אין דעם מענטשנס פּסיכישן לעבן; זיי זיַינען זייער שטאַרק, און מען מעג אויף זיי אַרויפֿלייגן די אַחריות פֿאַר אַ חלק אין די פּריקרע חלומות. אפֿשר וועט איר איצט זאָגן, אַז אויב אַזוי, איז בליַיבט קיין סך ניט איבער פֿונעם גערימטן מקוים ווערן פֿון פֿאַרלאַנגען. אָבער קוקט זיך איַין בעסער, וועט איר מודה זיַין, אַז איר זיַיט ניט גערעכט. לגבי דער כּלערליי-יִקייט פֿון דעם וואָס דער חלום וואָלט געקענט זיַין (וועגן דעם וועט שפּעטער

קומען צו רייד) און וואָס לויט טייל מהברים איז ער טאַקע, איז דער ענטפֿער: מקוים ווערן פֿון פֿאַרלאַנג — מקוים ווערן פֿון פּחד — מקוים ווערן פֿון שטראָף פֿאָרט געווג אַן אײַנגעענגטער. ס׳קומט נאָך צו דאָס, וואָס פּחד איז דער דירעקטער היפּוך פֿון פֿאַרלאַנג, וואָס היפּוכים שטייען אין דער אַסאָציאַציע ספּעציעל נאָענט צו אַנאַנד און וואָס אין דער אומוויסיקייט, ווי מיר האָבן געהערט, פֿאַלן זיי צונויף. ווײַטער, אַז די שטראָף איז אויך דאָס מקוים-ווערן פֿון אַ פֿאַרלאַנג — בײַ דער צווייטער פּערזאָן, דער צענזורירנדיקער.

אַרום און אַרום האָב איך אײַך הייסט עס ניט נאָכגעגעבן אין אײַער טענה קעגן דער טעאָריע פֿונעם מקוים ווערנדיקן פֿאַרלאַנג. מיר זײַנען אָבער מחויבֿ אויפֿצוווײַזן דאָס מקוים ווערן פֿון אַ פֿאַרלאַנג אין יעטווידער אַבי וואָסער פֿאַרקרימטן חלום, און מיר ווילן זיך אַוודאי ניט אַרויסדרייען פֿון אָט דער אויפֿגאַבע. לאָמיר זיך אומקערן צו יענעם שוין באַשיידטן חלום וועגן די דרײַ שלעכטע טעאַטער-בילעטן פֿאַר 1 גולדן 50, וואָס פֿון אים האָבן מיר שוין ניט איינס אָפּגעלערנט. איך פֿאַרהאָף, אַז איר געדענקט אים נאָך. איינער אַ דאַמע, וואָס איר מאַן האָט איר בײַ טאָג אָנגעזאָגט, אַז איר פֿרײַנדין עליזע וואָס איז מערניט מיט 3 חדשים יינגער פֿאַר איר איז געוואָרן אַ כּלה, חלומט זיך, אַז זי זיצט מיט איר מאַן אין טעאַטער. איין זײַט פּאַרטער איז כּמעט ווי ליידיק. איר מאַן זאָגט איר, אַז עליזע מיט איר חתן האָבן אויך געוואָלט גיין אין טעאַטער, נאָר זיי האָבן ניט געקענט, ווײַל זיי האָבן באַקומען מערניט שלעכטע בילעטן, דרײַ פֿאַר אַ גולדן פֿופֿציק. זאָגט זי, אַז ס׳וואָלט אויך ניט געווען קיין אומגליק. מיר האָבן געהאַט אַרויסגעפֿונען, אַז די חלום-געדאַנקען זײַנען שייך צו איר פֿאַרדראָס, וואָס זי האָט אַזוי פֿרי חתונה געהאַט, און צו דער אומצופֿרידנקייט מיט איר מאַן. עס מעג זיך אונדז וועלן וויסן, ווי אַזוי די דאָזיקע אומעטיקלעכע געדאַנקען זײַנען איבערגעאַרבעט געוואָרן אינעם מקוים ווערן פֿון אַ פֿאַרלאַנג, און וווּ עס געפֿינט זיך דער סימן פֿון זיי אינעם אָפֿנוואָרן אינהאַלט. נו, מיר וויסן שוין, אַז דער עלעמענט „צו פֿרי, פֿאַר דער צײַט" איז דורך דער צענזור עלימינירט געוואָרן פֿונעם חלום. דער ליידיקער פּאַרטער איז אַ רמז דערויף. דאָס רעטענישדיקע „3 פֿאַר אַ גולדן פֿופֿציק" ווערט אונדז איצטער בעסער פֿאַרשטענדלעך מיט דער הילף פֿון דער סימבאָליק וואָס מיר האָבן זיך פֿאַר דער צײַט אויסגעלערנט [1]. דער 3 איז טאַקע טײַטש אַ מאַנצביל, און דער אָפֿנוואָרער עלעמענט לאָזט זיך גרינג איבערזעצן: קויפֿן זיך אַ מאַן פֿאַרן נדן. („אַ צען מאָל בעסערן האָב איך זיך געקענט קויפֿן פֿאַר מײַן נדן.") דאָס חתונה האָבן איז משמעות פֿאַרביטן דורכן גיין אין טעאַטער. דאָס „אײַנקויפֿן צו פֿרי טעאַטער-בילעטן" שטייט דאָך ממש אַנשטאָט דעם צו פֿרי חתונה האָבן. דאָס

[1] איך דערמאָן ניט אַן אַנדער באַשייד פֿון דעם דאָזיקן 3, וואָס ער בעט זיך אויך בײַ אָט דער פֿרוי וואָס האָט קיין קינדער ניט געהאַט, ווײַל דער דאָזיקער אַנאַליז האָט ניט געבראַכט קיין מאַטעריאַל דערויף.

דאָזיקע פֿאַרבײַטן איז אָבער אַן אַרבעט פֿונעם מקוים ווערן פֿון פֿאַרלאַנג. אונדזער בעל-חלומטע איז ניט תמיד געווען אַזוי אומצופֿרידן מיט איר פֿרי חתונה האָבן ווי יענעם טאָג, ווען זי האָט באַקומען די ידיעה, אַז איר פֿרײַנדין איז אַ כּלה געוואָרן. בשעתו האָט זי שטאָלצירט דערמיט און האָט געהאַלטן, אַז איר האָט מער אָפּגעגליקט ווי דער פֿרײַנדין. יש אומרים, אַז נאַיִווע מיידלעך האָבן אָפּט נאָכן כּלה ווערן אַרויסגעגעבן זייער פֿרייד, אַז איצטער וועלן זיי אין גיכן מעגן גיין אין טעאַטער אויף אַלע ביז אַהער פֿאַרווערטע פּיעסעס, אַז זיי וועלן אַלץ מעגן אָנקוקן. די פּאָרציע קוק-חשק אָדער נײַגעריקייט וואָס ווײַזט זיך דאָ אַרויס איז תּחילת געוויס געווען סעקסועלער קוק-חשק, געווענדט צום סעקסועלן לעבן, ספּעציעל פֿון די עלטערן, און איז דערנאָך געוואָרן אַ שטאַרקער מאָטיוו וואָס האָט געשטופּט די מיידלעך פֿרי חתונה צו האָבן. אויף אַזאַ אופֿן ווערט דאָס גיין אין טעאַטער אַ במקום וואָס בעט זיך פֿאַר אַן אָנצוהערעניש אויף חתונה-געהאַטקייט. אין איר איצטיקן פֿאַרדראָס וועגן איר פֿרי התונה האָבן קערט זי זיך הייסט עס אום צו יענער צײַט, ווען פֿרי חתונה האָבן איז געווען פֿאַר איר דאָס מקוים ווערן פֿון אַ פֿאַרלאַנג, ווײַל דאָס האָט באַפֿרידיקט איר קוק-חשק, און געפֿירט דורך דער דאָזיקער אַלטער פֿאַרלאַנג-וועקונג פֿאַרבײַט זי דאָס חתונה האָבן מיט גיין אין טעאַטער.

מיר קענען זאָגן, אַז אויף אויפֿצווײַזן דאָס באַהאַלטענע מקוים ווערן פֿון אַ פֿאַרלאַנג האָבן מיר זיך אַרויסגעזוכט ניט גראָד די האַנטיקסטע דוגמא. אויף אַן אַנאַלאָגישן שטייגער וואָלטן מיר זיך געמוזט נוהג זײַן בײַ אַנדערע פֿאַרקרימטע חלומות. איך קען דאָס דאָ פֿאַר אײַך אין די אויגן ניט אָפּטון און כ׳וויל מערניט אַרויסזאָגן די איבערצײַגונג, אַז ס׳וועט געראָטן אומעטום. אָבער איך וויל זיך אָפּשטעלן נאָך לענגער בײַ דעם אַ פּונקט פֿון דער טעאָריע. דער געפּרוּוו האָט מיך אויסגעלערנט, אַז אין דער גאַנצער לערע וועגן חלום איז ער איינער פֿון די וואָס זײַנען צום מערסטן אויסגעשטעלט אויף סכּנות און אַז מיט אים בינדן זיך אַ סך סתּירות און אומפֿאַרשטייעניש. אַחוץ דעם וועט איר אפֿשר נאָך זײַן אונטערן רושם, אַז בשעת איך האָב אַרויסגעזאָגט, אַז דער חלום איז אַ מקוים געוואָרענער פֿאַרלאַנג אָדער דער היפּוך דערפֿון, אַ פֿאַרווירקלעכטער פּחד אָדער אַ פֿאַרווירקלעכטע באַשטראָפֿונג, האָב איך שוין רעזיגנירט פֿון אַ שטיק טעזיס מײַנעם; און איר וועט מיינען, אַז דאָ איז אַ געלעגנהייט אַרויסצורײַסן בײַ מיר נאָך באַגרענעצונגען. אויך האָב איך געהערט, ווי מען האַלט מיר פֿיר, אַז זאַכן, וואָס מיר אַליין דוכטן זיי אויס צו זײַן קלאָר-בולט, מאָל איך אויס צו בצימצומדיק און דעריבער ניט גענוג איבערצײַגעוודיק.

אויב עמעצער איז אין באַשיידן חלומות דערגאַנגען מיט אונדז ביז אַהער און האָט אָנגענומען אַלץ וואָס דאָס האָט געבראַכט ביז איצט, שטעלט ער זיך ניט זעלטן אָפּ בײַם מקוים ווערן פֿון פֿאַרלאַנגען און גיט אַ פֿרעג: זאָל זײַן, אַז דער חלום האָט יעדער מאָל אַ זינען און אַז אָט דער זינען קען אויפֿגעדעקט ווערן דורך דער פּסיכאָאַנאַליטישער טעכניק, איז צו וואָס דאַרף אָט דער זינען,

אויף צו להכעיס דעם אַלעמען וואָס מען זעט אַרויס קלאָר-בולט, ווידער און אָבער אַרײַנגעפּרעסט ווערן אין דער פֿאָרמל פֿון אַ מקוים ווערנדיקן פֿאַרלאַנג? פֿאַר וואָס זאָל דער זינען פֿון אָט דעם נאַכטיקן טראַכטן ניט קענען זײַן אַזוי כלערלייִק ווי דער זינען פֿון טראַכטן בײַ טאָג, הײַנו אַז דער חלום זאָל איין מאָל קאָרעספּאָנדירן מיט אַ מקוים געוואָרענעם פֿאַרלאַנג, אַן אַנדערש מאָל, טאַקע ווי איר זאָגט, מיטן היפּוך דערפֿון, מיט אַ פֿאַרווירקלעכטער מורא, נאָר ווײַטער זאָל ער אָבער נאָך קענען אויסדריקן אַ כוונה, אַ התראה, אַ יִשוב-הדעת מיט אַ פֿאַר און אַ קעגן, אָדער אַ טענה, אַ מאָנונג פֿון געוויסן, אַ פּרוּוו זיך צוצוגרייטן צו אַן אַרבעט וואָס שטייט פֿאָר אאַז״וו? פֿאַר וואָס עפּעס דווקא שטענדיק ניט אַנדערש אַ פֿאַרלאַנג אָדער, אויב פֿיל, איז נאָך זײַן היפּוך?

מען וואָלט געקענט מיינען, אַז אויב מען איז בכלל מושווה געוואָרן, האָט אַ חילוקי-דעות אין דעם פּונקט קיין ווערדע ניט. גענוג וואָס מיר האָבן אויסגעפֿונען דעם זינען פֿון חלום און די וועגן צו דערקענען אים; אַנטקעגן דעם איז ניט וויכטיק, אויב מיר האָבן צו ענג דעפֿינירט אָט דעם זינען; אָבער ס׳איז ניט אַזוי. אויב מען פֿאַרשטייט קרום דעם אָ פּונקט, איז דאָס פּוגע דעם מהות פֿון אונדזער דערקענטעניש וועגן חלום און שטעלט אויס אויף סכנות זײַן חשיבֿות בײַם פֿאַרשטיין דעם נעווראָז. אויך איז אין דער וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט ניט אויפֿן אָרט און גיכער שעדלעך יענער מין אַנטקעגנקומען, וואָס מען רופֿט עס „לאָזן זיך ריידן“ און וואָס אין סוחרישן לעבן האַלט מען דערפֿון.

מײַן ערשטע תּשובֿה אויף דער פֿראַגע, פֿאַר וואָס דער חלום זאָל ניט זײַן פֿילטײַטשיק אינעם אָנגערופֿענעם זינען, איז, ווי בדרך-כלל אין אַזוינע פֿאַלן: איך ווייס ניט, פֿאַר וואָס עס זאָל ניט זײַן אַזוי. מיך וואָלט עס ניט געאַרט. פֿון מײַנט וועגן וואָלט געמעגט זײַן אַזוי. נאָר איין קלייניקייט איז אַ שטער, אַז מען זאָל אַזוי, ברייטער און האַנטיקער, באַנעמען דעם חלום — דהײַנו דאָס וואָס אין דער רעאַליטעט איז ניט אַזוי. מײַן צווייטע תּשובֿה וועט אונטערשטרײַכן, אַז מיר גופֿא איז ניט פֿרעמד די הנחה, אַז דער חלום קאָרעספּאָנדירט מיט כלערלייִקע טראַכטפֿאָרמען און אינטעלעקטועלע אָפּעראַציעס. איך האָב אַ מאָל אין אַ געשיכטע פֿון אַ קראַנקייט רעפֿערירט אַ חלום וואָס האָט זיך געחלומט דרײַ נעכט נאָך אַנאַנד און דערנאָך מער ניט, און דערקלערט האָב איך דעם דאָזיקן אויספֿיר מיט דעם, וואָס דער חלום האָט קאָרעספּאָנדירט מיט אַ פֿירנעם וואָס האָט זיך ניט געדאַרפֿט מער אומקערן נאָך דעם ווי ער איז דורכגעפֿירט געוואָרן. שפּעטער האָב איך פּובליקירט אַ חלום וואָס האָט קאָרעספּאָנדירט מיט אַ ווידוי. טאָ ווי אַזוי קען איך פֿאָרט ריידן אַנטקעגן און בלײַבן בײַ מײַנס, אַז דער חלום איז אַלע מאָל נאָר אַ מקוים געוואָרענער פֿאַרלאַנג?

איך טו דאָס, ווײַל איך וויל ניט דערלאָזן צו אַן אומפֿאַרשטייעניש פֿון אַ תּם, וואָס קען אונדז קאָסטן די פֿרוכט פֿון אונדזער אַרבעט אַרום דעם חלום,

אַן אומפֿאַרשטייעניש וואָס צעפּלאָנטערט דעם חלום מיט די פֿאַרבאַהאַלטענע חלום-געדאַנקען און זאָגט וועגן אים עפּעס אַזוינס וואָס איז שייך נאָר און מערניט צו זיי. ס'איז טאַקע אין גאַנצן אמת, אַז דער חלום קען פֿאַרטרעטן דאָס אַלץ און פֿאַרביטן ווערן דורך דעם אַלעמען וואָס מיר האָבן אָקערשט אויסגערעכנט: אַ פּירנעם, אַ התראה, אַ יִישובֿ-הדעת, אַ צוגרייטונג, אַ פּרוּוו צו פֿאַרענטפֿערן אַן אויפֿגאַבע אאַז"וו. אָבער ווען איר קוקט זיך איַין ווי ס'געהער צו זיַין, דערקענט איר, אַז דאָס אַלץ איז חל נאָר אויף די פֿאַרבאַהאַלטענע חלום-געדאַנקען וואָס זיַינען איבערגעפֿורעמט געוואָרן אין דעם חלום אַריַין. פֿון באַשיידן חלומות ווערט איר געוויר, אַז דאָס אומוויסיקע טראַכטן פֿון מענטשן גיט זיך אָפּ מיט אַזוינע פּירנעמען, צוגרייטונגען, יִישובֿ-הדעתן אאַז"וו, וואָס פֿון זיי מאַכט דערנאָכדעם די חלום-אַרבעט די חלומות. אויב איר אינטערעסירט זיך ערשט ניט מיט דער חלום-אַרבעט, נאָר איר אינטערעסירט זיך זייער מיט דעם מענטשנס אומוויסיקער טראַכטאַרבעט, איז עלימינירט איר יעמאָלט די חלום-אַרבעט און איר זאָגט וועגן דעם חלום פּראַקטיש אין גאַנצן ווי ס'געהער צו זיַין, אַז ער קאָרעספּאָנדירט מיט אַ התראה, אַ פּירנעם אד"גל. אין דער פּסיכאָאַנאַליטישער טעטיקייט טרעפֿט אַזוינס אָפֿט: דאָס רובֿ איז מען נאָר אויסן צוריק צו צעשטערן די חלום-פֿאָרם און אַנשטאָט דעם חלום אַריַינצושטעלן אינעם קאָנטעקסט די פֿאַרבאַהאַלטענע געדאַנקען, פֿון וועלכע דער חלום איז געוואָרן.

אַ כּלל, אין גאַנצן אַגבֿ-אורחא ווערן מיר געוויר פֿון אָפּשאַצן די פֿאַרבאַהאַלטענע חלום-געדאַנקען, אַז די אַלע אָנגערופֿענע פּסיכישע אַקטן קענען פֿאָרקומען אומוויסיק, — פּונקט אַזאַ גראַנדיעזער ווי אַ צעמישנדיקער רעזולטאַט!

נאָר אומצוקערן זיך צום עִנין: גערעכט זיַיט איר נאָר, אויב איר קלערט זיך אַריַין, אַז איר האָט גערעדט בלשון קיִצור, און אויב איר מיינט ניט, אַז יענע דערמאָנטע כּלערלייִקייט מוז חל זיַין אויפֿן מהות פֿון חלום. אויב איר רעדט וועגן „חלום" דאַרפֿט איר מיינען אָדער דעם אָפּגעוואָרן חלום, ס'הייסט דעם פּראָדוקט פֿון דער חלום-אַרבעט, אָדער, אַז פֿיל, איז נאָך די חלום-אַרבעט גופֿא, ס'הייסט יענעם פּסיכישן פּראָצעס וואָס פֿורעמט פֿון די פֿאַרבאַהאַלטענע חלום-געדאַנקען דעם אָפּגעוואָרן חלום. יעטווידער אַנדער באַנוץ פֿונעם וואָרט הייסט פּלאָנטערן באַגריפֿן, און דאָס קען נאָר אָנמאַכן צרות. אויב איר זיַיט אויסן די פֿאַרבאַהאַלטענע געדאַנקען וואָס הינטערן חלום, טאָ זאָגט דאָס בפֿירוש און פֿאַרוויקלט ניט די פּראָבלעם פֿון חלום דורך דעם אָפּגעלאָזענעם שטייגער אויסדריקן זיך, וועלכן איר ניצט. די פֿאַרבאַהאַלטענע חלום-געדאַנקען זיַינען דער מאַטעריאַל, וואָס אים פֿורעמט די חלום-אַרבעט איבער און מאַכט פֿון אים דעם אָפּגעוואָרן חלום. פֿאַר וואָס ווילט איר דווקא פֿאַרביַיטן דעם מאַטעריאַל מיט דער אַרבעט וואָס פֿורעמט אים? ווּ זשע איז איַיער יִתרון אַנטקעגן יענע וואָס האָבן נאָר געקענט דעם פּראָדוקט פֿון דער אַרבעט און האָבן זיך ניט געקענט אויסטיַיטשן, פֿון וואַנען ער וואַקסט און ווי אַזוי ער ווערט געמאַכט?

דאס איינציקע עיקרדיקע ביים חלום איז די חלום־ארבעט וואס האט באווירקט דעם געדאנקען־מאטעריאל. מיר האבן ניט קיין רשות מבטל צו זיין זי אין דער טעאריע, אפילו אויב אין געוויסע פראקטישע סיטואציעס מעגן מיר זיך ניט רעכענען מיט איר. די אנאליטישע אבסערוואציע ווייזט טאקע, אז די חלום־ארבעט באגרענעצט זיך קיין מאל ניט מיט איבערזעצן די דאזיקע געדאנקען אין דעם ארכאישן אדער רעגרעסיוון אויסדריק־שטייגער וואס איז אייך באוווסט. נאר וואס דען — זי איז תמיד מצרף עפעס אזוינס וואס קער זיך ניט אן מיט די פארבאהאלטענע געדאנקען פון ביי טאג און וואס פארט איז דאס בעצם דער מאטאר ביים פורעמען דעם חלום. דער דאזיקער צוגאב, וואס אן אים איז ניט שייך, איז דער פארלאנג, אויך אן אומוויסיקער, וואס כדי אים מקיים צו זיין ווערט איבערגעפורעמט דער אינהאלט פון חלום. דער חלום מעג זיין הייסט עס אלץ וואס איר ווילט, אויף וויפל איר נעמט אין אכט מערניט די געדאנקען וואס ער פארטרעט — א ווארענונג, א פירנעם, א הכנה אאז"וו; נאר תמיד איז ער דאס מקוים ווערן פון אן אומוויסיקן פארלאנג אויך, און ער איז מער ניט ווי דאס, אויב איר קוקט אויף אים ווי אויף א רעזולטאט פון דער חלום־ארבעט. א כלל, א חלום איז קיין מאל ניט א פירנעם, א ווארענונג סתם, נאר ער איז תמיד א פירנעם און דאס גלייכן, איבערגעזעצט מיט דער הילף פון אן אומוויסיקן פארלאנג אינעם ארכאישן אויסדריק־שטייגער און איבערגעפורמט אויף מקיים צו זיין די דאזיקע פארלאנגען. איין סימן, דאס מקוים ווערן פון פארלאנג, איז דער שטענדיקער; דער אנדערער קען וואריירן; ער פון זיין זייט קען אויך זיין א פארלאנג, באופן אז דער חלום מאלט אויס ווי מקוים געווארן א פארבאהאלטענעם פארלאנג פון ביי טאג מיט דער הילף פון אן אומוויסיקן פארלאנג.

איך אליין פארשטיי דאס אלצדינג זייער גוט, נאר איך ווייס ניט, צי מיר איז געראטן צו מאכן דאס פארשטענדלעך פאר אייך אויך. אויך איז מיר שווער אייך דאס צו דערווייזן. פון איין זייט קען דאס ניט געמאלט זיין, אווו מען אנאליזירט ניט זארגעוודיק א סך חלומות, און פון דער צווייטער זייט לאזט זיך אט דער איידלסטער און חשובסטער פונקט אין אונדזער באנעמען דעם חלום ניט אויסמאלן, אויב מען פארבינדט דאס ניט מיט שפעטיקערע זאכן. צי קענט איר בכלל מיינען, אז ביים אינטימען פארבונד וואס איז פאראן צווישן אלע זאכן קען מען זייער טיף ארייַנדרינגען אין דער טבע פון איין זאך, ניט אינטערעסירנדיק זיך מיט אנדערע זאכן וואס האבן אן ענלעכע טבע? היות מיר ווייסן נאך גארניט וועגן די נאענטסטע קרובים פונעם חלום, וועגן די נעווראטישע סימפטאמען, מוזן מיר זיך דא אויך באנוגענען מיט דאס דערגרייכטע. איך וויל מערניט אויסטייטשן פאר אייך נאך איין דוגמא און איבערקלערן נאך איין זאך.

לאמיר פון דאס ניי נעמען יענעם חלום, וואס מיר האבן זיך צו אים שוין אומגעקערט עטלעכע מאל, צום חלום וועגן די 3 טעאטער־בילעטן פאר 1 גולדן 50. איך קען אייך פארזיכערן, אז לכתחילה האב איך דאס אן א מיין

אָנגעכאַפּט ווי אַ דוגמא. די פֿאַרבאַהאַלטענע חלום-געדאַנקען ווייסט איר. פֿאַרדראָס, וואָס זי האָט זיך אַזוי צוגעאײַלט מיט חתונה האָבן, בשעת זי איז געוויר געוואָרן, אַז איר פֿרײַנדין איז ערשט איצטער געוואָרן אַ כּלה; בּיטול צו איר מאַן, די מחשבֿה, אַז ווען זי זאָל נאָר געווען וואַרטן, וואָלט זי באַקומען אַ בעסערן. דעם פֿאַרלאַנג וואָס האָט פֿון די דאָזיקע געדאַנקען געמאַכט אַ חלום קענען מיר שוין אויך, ס'איז דער חשק צו קוקן, צו קענען גיין אין טעאַטער, מיסתּמא אַן אָפּצווײַגונג פֿון דער אַלטער נײַגעריקייט זיך צו דערוויסן סוף-כּל-סוף וואָס עס קומט פֿאָר בײַם מאַן-און-ווײַב-לעבן. די דאָזיקע נײַגעריקייט ווענדט זיך כּידוע בײַ קינדער תּמיד אויפֿן סעקסועלן לעבן פֿון די עלטערן, זי איז הייסט עס אַן אינפֿאַנטילע, און אויף וויפֿל זי איז נאָך פֿאַראַן שפּעטער, איז דאָס אַ יצר-וועקונג וואָס גרייכט מיט אירע וואָרצלען אין דאָס אינפֿאַנטילע אַרײַן. אָבער אויף אויפֿצוּוועקן דעם דאָזיקן קוק-חשק האָט די ידיעה פֿון בײַ טאָג ניט געגעבן קיין שטופּ, מערניט אויף פֿאַרדראָס און אויף חרטה. מיט די פֿאַרבאַהאַלטענע חלום-געדאַנקען האָט זיך די דאָזיקע פֿאַרלאַנג-וועקונג תּחילת ניט אָנגעקערט, און מיר האָבן געקענט אײַנגלידערן דעם רעזולטאַט פֿון באַשיידן דעם חלום אינעם אַנאַליז אַרײַן ניט רעכענענדיק זיך מיט איר. דער פֿאַרדראָס פֿאַר זיך איז אויך ניט געווען עלול צו ווערן אַ חלום; פֿון די געדאַנקען: ס'איז געווען אַן אומזין חתונה צו האָבן אַזוי פֿרי האָט ניט געקענט ווערן קיין חלום, איידער ס'איז מתּוך זיי אויפֿגעוועקט געוואָרן דער אַלטער פֿאַרלאַנג צו זען סוף-כּל-סוף, וואָס עס קומט פֿאָר בײַם חתונה האָבן. אַצונד האָט אָט דער פֿאַרלאַנג אויסגעפֿורעמט דעם חלום-אינהאַלט, פֿאַרבײַטנדיק דאָס חתונה האָבן דורך גיין אין טעאַטער, און געגעבן אים די פֿאָרם פֿון אַ פֿריִער מקוים געוואָרענעם פֿאַרלאַנג: אָט, איך מעג גיין אין טעאַטער און אָנקוקן אַלץ וואָס ס'איז פֿאַרווערט, און דו טאָרסט ניט; איך בין אַ חתונה געהאַט, און דו מוזסט וואַרטן. אויף אַזאַ אופֿן איז די איצטיקע סיטואַציע איבערגעקערט געוואָרן אין איר היפּוך, אַן אַלטער ניצחון איז אַוועקגעשטעלט אויפֿן אָרט פֿון דער אָקערשטיקער מפּלה. אַגבֿ, אַ באַפֿרידיקונג פֿון קוק-חשק, צונויפֿגעגאָסן מיט אַן עגאָיִסטישער באַפֿרידיקונג פֿון קאָנקורענץ. אָט די באַפֿרידיקונג באַשטימט עס דעם אָפּנוואָרן חלום-אינהאַלט, ווי ס'איז טאָקע אַזוי, אַז זי זיצט אין טעאַטער, בשעת ווען די פֿרײַנדין האָט ניט געקענט באַקומען קיין צוטריט. ווי אַ ניט-פּאַסיקע און אומפֿאַרשטענדלעכע מאָדיפֿיקאַציע זײַנען אויף אָט דער סיטואַציע פֿון באַפֿרידיקונג אַרויפֿגעשטעלט יענע שטיקער פֿונעם חלום-אינהאַלט, וואָס הינטער זיי באַהאַלטן זיך נאָך די פֿאַרבאַהאַלטענע חלום-געדאַנקען. דאָס באַשיידן דעם חלום דאַרף אַוועקקוקן פֿון אַלץ וואָס דינט אויף אויסצומאָלן דאָס מקוים ווערן פֿון פֿאַרלאַנג און דאַרף צוריק אויפֿשטעלן פֿון יענע רמזים די פּריקרע פֿאַרבאַהאַלטענע חלום-געדאַנקען.

דער איין איבערקלער וואָס איך וויל אַרויסברענגען דאַרף אָנשטעלן אײַער אויפֿמערק אויף די פֿאַרבאַהאַלטענע חלום-געדאַנקען וואָס האָבן זיך איצט

אַרויסגערוקט אויפֿן פֿאָדערשטן פּלאַן. איך בעט אײַך, פֿאַרגעסט ניט, אַז ערשטנס זײַנען זיי אומוויסיק פֿאַרן בעל-חלום, צווייטנס זײַנען זיי אין גאַנצן שׂכלדיק און געבונדן, אַזוי אַז מען מעג אויך זיי קוקן ווי אויף פֿאַרשטענדלעכע רעאַק-ציעס אויפֿן גורם פֿון חלום, דריטנס, אַז זיי קענען האָבן די ווערדע פֿון אַבי וואָסער פּסיכישער וועקונג אָדער אינטעלעקטועלער אָפּעראַציע. איך וועל פֿון איצט אָן, שטרענגער ווי פֿאַר דעם, רופֿן אָט די געדאַנקען „טאָגרעשטן", צי דער בעל-חלום איז זיך יאָ מודה אין זיי צי ניין. איך בין איצטער מבֿחין צווישן טאָגרעשטן און פֿאַרבאַהאַלטענע חלום-געדאַנקען, באַצייכענענדיק — בהסכּם מיט אונדזער פֿריִערדיקן באַנוץ — ווי פֿאַרבאַהאַלטענע חלום-געדאַנקען אַלצדינג וואָס מיר דערגייען בײַם באַשיידן דעם חלום, בשעת ווען די טאָגרעשטן זײַנען נאָר אַ טייל פֿון די פֿאַרבאַהאַלטענע חלום-געדאַנקען. איז בכן אונדזער באַנעם אַזאַ: צו די טאָגרעשטן איז עפּעס צוגעקומען, עפּעס וואָס האָט זיך אויך אָנגעקערט מיט דאָס אומוויסיקע, אַ שטאַרקע, נאָר פֿאַרשטויסענע פֿאַרלאַנג-וועקונג, און זי אַליין האָט עס געגעבן די מיגלעכקייט, אַז דער חלום זאָל זיך אויספֿורעמען. די ווירקונג פֿון דער דאָזיקער פֿאַרלאַנג-וועקונג אויף די טאָגרעשטן שאַפֿט עס דעם אַנדערן חלק פֿון די פֿאַרבאַהאַלטענע חלום-געדאַנקען, יענעם חלק וואָס מוז שוין ניט אויסזען מער ראַציאָנעל און פֿאַרשטענדלעך מתּוך דעם לעבן אויף דער וואָר.

אויף מסביר צו זײַן די באַציִונג פֿון די טאָגרעשטן צום אומוויסיקן פֿאַרלאַנג האָב איך זיך באַנוצט מיט אַ משל וואָס איך קען דאָ נאָר איבערחזרן. בײַ יעדער אונטערנעמונג באַדאַרף זײַן אַ קאַפּיטאַליסט וואָס פֿינאַנסירט און אַן אונטערנעמער וואָס האָט די אידעע און ווייס, ווי אַזוי זי דורכצופֿירן. דעם קאַפּי-טאַליסטס ראָלע בײַם פֿורעמען דעם חלום שפּילט שטענדיק נאָר דער אומוויסיקער פֿאַרלאַנג; ער שטעלט עס צו די פּסיכישע ענערגיע אויף פֿורעמען דעם חלום; דער אונטערנעמער איז דער טאָגרעשט, וואָס ער באַשליסט, ווי אַזוי צו פֿאַרניצן אָט דעם קאַפּיטאַל. ס'קען אַוודאי געמאָלט זײַן, אַז דער קאַפּיטאַליסט גופֿא זאָל האָבן די אידעע און די בקיאָות אין דער זאַך, אָדער דער אונטערנעמער גופֿא זאָל פֿאַרמאָגן קאַפּיטאַל. דאָס מאַכט פּשוטער די פּראַקטישע סיטואַציע, נאָר ס'מאַכט שווערער צו פֿאַרשטיין זי טעאָרעטיש. אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע ווערט מען כּסדר איבער אַ נײַס צעלייגן די איין פּערזאָן אין אירע ביידע אַספּעקטן פֿון אַ קאַפּיטאַליסט און אַן אונטערנעמער, און אויף אַזאַ אופֿן שטעלט מען אויף צוריק די גרונט-סיטואַציע, וואָס אויף איר האָט זיך געשטעלט אונדזער משל. בײַם פֿורעמען אַ חלום באַגעגענען זיך די נעמלעכע וואַריאַציעס, וואָס ווײַטער נאָכצוגיין נאָך זיי לאָז איך איבער פֿאַר אײַך.

ווײַטער קענען מיר דאָ ניט גיין, וואָרעם עס שטערט אײַך שוין מיסתּמא לאַנג אַ חשש וואָס איז ראָוי אויסגעהערט צו ווערן. צי זײַנען די טאָגרעשטן, פֿרעגט איר, באמת אומוויסיק אין דעם זעלבן זינען ווי דער אומוויסיקער פֿאַרלאַנג וואָס מוז צוקומען, כּדי זיי זאָלן נעמען טויגן פֿאַר אַ חלום? ווי דאָס האַרץ האָט אײַך געזאָגט ריכטיק. דאָ איז דער עיקרדיקער פּונקט פֿונעם גאַנצן

עִנְינִן. זיי זײַנען ניט אומוויסיק אין דעם זעלבן זינען. דער חלום-פֿאַרלאַנג איז שייך צו אַן אַנדער אומוויסיקס, צו יענץ וואָס מיר האָבן דערקענט, אַז ס'איז פֿון אינפֿאַנטילן אָפּשטאַם, פֿאַרזאָרגט מיט באַזונדערע מעכאַניזמען. ס'וואָלט אין גאַנצן געווען אויפֿן אָרט אָפּצושיידן פֿון אַנאַנד דורך פֿאַרשיידענע באַצייכענונגען אָט די ביידע דרכים פֿון דאָס אומוויסיקע. נאָר לאָמיר בעסער פֿאָרט צוּוואַרטן דערמיט, ביז וואַנען מיר וועלן ווערן היימיש אינעם תּחוּם פֿון נעווראָזן. מען האַלט דאָך אונדז פֿיר, אַז דאָס איין אומוויסיקס איז פֿאַנטאַסטיש; טאָ וואָס וועט מען נאָך זאָגן, אויב מיר וועלן מוֹדה זײַן, אַז ווינציקער ווי צוויי מִינִים אומוויסיקס קלעקט אונדז ניט?

לאָמיר דאָ איבעררײַסן. איר האָט ווידער אַ מאָל געהערט נאָר ניט-פֿאַרענדיקטע זאַכן; אָבער צי פֿילט ניט אָן מיט האָפֿענונג דער געדאַנק, אַז אָט דאָס וויסן האָט אַ המשך, וואָס אָדער מיר אַליין אָדער אַנדערע נאָך אונדז וועלן זיך דערצו דערגרונטעווען? און צי זײַנען מיר אַליין ניט געוויר געוואָרן גענוג חידוּשים וואָס זײַנען פֿול מיטס ורפּריזן?

# אומזיכערקייטן און קריטיקן

חשובֿע דאַמען און הערן! לאָמיר פֿאָרט ניט אַװעקגײן פֿונעם תּחום פֿון חלום, ניט אַרומרײדנדיק די פּשוטסטע ספֿקות און אומזיכערקײטן װאָס האָבן זיך געקניפּט מיט אונדזערע ביזאיצטיקע חידושים און מסקנות. די צוהערער פֿון צװישן אײַך װאָס האָבן זיך גוט אײַנגעהערט האָבן אַװדאי בײַ זיך אַלײן צונױפֿגענומען דערױף אַ ביסל מאַטעריאַל.

1) ס׳האָט זיך מיסתּמא באַקומען בײַ אײַך דער רושם, אַז אַפֿילו װען מען היט קאָרעקט אָפּ די טעכניק, דערלאָזן די רעזולטאַטן פֿון אונדזער באַשײד-אַרבעט בײַם חלום אַזױ פֿיל אומבאַשטימטקײטן, אַז דורך דעם װערט פֿאָרט אױס מיגלעכקײט איבערצוזעצן אױף זיכער דעם אָפּנװאָרן חלום אין די פֿאַר-באַהאַלטענע חלום-געדאַנקען. איר װעט ברענגען דערױף אַ ראַיה, אַז ראשית װײס מען קײן מאָל ניט, צי מען דאַרף אַ באַשטימטן עלעמענט פֿון חלום פֿאַרשטײן אין זײַן בעצמדיקן זינען אָדער סימבאָליש, װאָרעם די זאַכן װאָס װערן גענוצט װי סימבאָלן הערן דאָך דורך דעם ניט אױף צו זײַן זײ גופֿא. נאָר אױב ס׳איז ניטאָ קײן אָביעקטיװער אָנהאַלט צו באַשליסן װעגן דעם, איז בלײַבט דאָס באַשײדן אין דעם פּונקט איבערגעגעבן דעם מוטװיל פֿונעם חלום-באַשײדער. װײַטער, היות היפּוכים פֿאַלן צונױף, בלײַבט בײַ דער חלום-אַרבעט שטענדיק אומבאַשטימט, צי אַ געװיסער חלום-עלעמענט זאָל פֿאַר-שטאַנען װערן אין פּאָזיטיװן זינען אָדער אין נעגאַטיװן, װי ער גופֿא אָדער װי זײַן היפּוך. װידער אַ מאָל אַ געלעגנהײט פֿאַרן באַשײדער אַרױסצוברענגען זײַן מוטװיל. דריטנס, היות דער חלום האָט אַזױ האָלט איבערצוקערן אױף אַלע אופֿנים, מעג דער חלום-באַשײדער דורכמאַכן אַזאַ איבערקערונג אין יענע ערטער פֿון חלום, װוּ אים װילט זיך. צום סוף װעט איר זיך פֿאַררופֿן אױף דעם, אַז איר האָט געהערט, אַז זעלטן איז מען זיכער, צי דער געפֿונענער באַשײד פֿון אַ חלום איז דער אײנציקער װאָס קען געמאָלט זײַן. מען איז אױסגעשטעלט אױף דער סכּנה ניט צו דערזען אַן איבערבאַשײד פֿון דעם זעלביקן חלום, הגם ער װאָלט בפֿירוש געװען דערלאָזלעך. בײַ די באַדינגונגען, װעט איר קומען צום באַשלוס, בלײַבט איבער פֿאַרן מוטװיל פֿונעם באַשײדער אַ שטח, װאָס זײַן גרײס לאָזט זיך דוכט זיך ניט אױסשטימען מיט דער אָביעקטיװער זיכערקײט פֿון די רעזולטאַטן. אָדער איר מעגט אָננעמען, אַז דער חסרון שטעקט ניט אין חלום, נאָר אַז די דעפֿעקטן פֿון אונדזער חלום-באַשײדונג װאַקסן פֿון דעם װאָס אונדזערע מסקנות און השערות זײַנען ניט קײן ריכטיקע.

דער גאַנצער מאַטעריאַל אייַערער איז גוט און אַ פּגם, נאָר איך האַלט, אַז ער באַרעכטיקט נישט איינער אויסציפֿירן אין די ביידע ריכטונגען, אַז דאָס חלום-באַשיידן, אַזוי ווי מיר פּראַקטיקירן דאָס, איז אויסגעשטעלט אויף מוטוויל, און אַז די חסרונות אין די רעזולטאַטן שטעלן אונטער אַ פֿראַגעצייכן די באַרעכטיקייט פֿון אונדזער גאַנג. אויב איר ווילט אַנשטאָט דעם מוטוויל פֿונעם באַשיידער אַוועקשטעלן: זייַן בריהשקייט, זייַן גענישטשאַפֿט, זייַן פֿאַרשטאַנד, בין איך מסכּים מיט אייַך. אָן אַזאַ פּערזענלעכן מאָמענט וועלן מיר זיך טאַקע נישט קענען באַגיין, בפֿרט בייַ די האַרבערע אויפֿגאַבעס פֿון חלום-באַשיידונג. נאָר דאָס איז נישט אַנדערש בייַ אַנדערע וויסנשאַפֿטלעכע פּראָצעדורן אויך. נישטאָ קיין מיטל אויף נישט צו דערלאָזן, אַז איינער זאָל נישט ערגער נוצן אָדער נישט בעסער צופּאַסן אַ געוויסע טעכניק איידער אַן אַנדערער. דאָס וואָס עס מאַכט למשל בייַם באַשיידן די סימבאָלן אַ רושם פֿון מוטוויל, דאָס ווערט באַזייַטיקט דורך דעם, וואָס בדרך-כּלל ווערט, פֿון צווישן די געגעבענע באַשייד-מיגלעכקייטן, איינע אָפּגעקליבן, די אַנדערע אָפּגעוואָרפֿן ווי נישט צום ניצן דורכן פֿאַרבונד פֿון די חלום-געדאַנקען צווישן אַנאַנד, דורכן פֿאַרבונד פֿון חלום מיטן לעבן פֿונעם בעל-חלום און דורך דער גאַנצער פּסיכישער סיטואַציע, וואָס אין איר פֿאַרלויפֿט זיך דער חלום. דער אויספֿיר ווידער, אַז ווי באַלד די חלום-באַשיידונג איז נישט שלימותדיק, זייַנען אונדזערע טעזיסן נישט קיין ריכטיקע, ווערט אויס אויספֿיר דורך באַמערקן, אַז די פֿילטייַטשיקייט אָדער אומבאַשטימטקייט פֿונעם חלום ווייַזט זיך גאָר אַדרבא אַרויס ווי אַן אייגנשאַפֿט זייַנע, אויף וועלכער מען האָט זיך געמוזט ריכטן.

לאָמיר זיך דערמאָנען, וואָס מיר האָבן געזאָגט, אַז די חלום-אַרבעט זעצט איבער די חלום-געדאַנקען אין אַ פּרימיטיוון אויסדריק-שטייגער, אָן אַנאַלאָגיש צו בילדערשריפֿט. די אַלע פּרימיטיווע אויסדריק-סיסטעמען קרענקען אָבער אויף אַזעלכע אומבאַשטימטקייטן און צווייטייַטשיקייטן, און פֿאַרט האָבן מיר נישט קיין רעכט צו זאָגן, אַז זייער באַנוצלעכקייט איז מוטל בספֿק. איר ווייסט, אַז דאָס וואָס היפּוכים זייַנען אין דער חלום-אַרבעט הייַנו-הך איז אַנאַלאָגיש צום אַזוי גערופֿענעם „היפּוכדיקן פּשט פֿון בראשית-ווערטער“ אין די עלטסטע שפּראַכן. דער פֿילאָלאָג ק. אַבעל (1884), וואָס אים קומען מיר אַ דאַנק פֿאַר דעם דאָזיקן קוק, בעט אונדז, מיר זאָלן נישט מיינען, אַז די אינפֿאָרמאַציע וואָס איין מענטש האָט געגעבן דעם אַנדערן מיט דער הילף פֿון אַזוי שטאַרק אַמביוואַלענטע ווערטער איז ממילא געווען אַ צווייטייַטשיקע. אַדרבא, דער טאָן און דער זשעסט האָבן אַוודאי אינעם קאָנטעקסט פֿון די רייד געמוזט אָפּראַמען יעטווידער ספֿק, וואָסערן פֿון די ביידע היפּוכים דער ריידער האָט געהאַט בדעה איבערצוגעבן. אין שרייַבן, וווּ דער זשעסט פֿאַלט אָפּ, פֿלעגט מען אים פֿאַרבייַטן דורך אַ צוגעשטעלטן בילדער-סימן וואָס מען האָט נישט געדאַרפֿט אַרויסריידן, אַ שטייגער דורכן בילד פֿון אַ שלאַבעריק הויערנדיקן אָדער אַ שטייף אויסגעצויגענעם מענטשעלע,—געוועגדט אין דעם, צי דאָס צווייטייַטשיקע ken פֿון

דער היעראָגליפֿישער שריפֿט האָט געדאַרפֿט באַטײַטן „שוואַך" אָדער „שטאַרק". אַזוי פֿלעגט מען אויסמײַדן קרומע פֿאַרשטייעניש, ניט געקוקט אויף דער פֿיל־טײַטשיקייט פֿון די קלאַנגען און פֿון די סימנים.

די אַלטע אויסדריק־סיסטעמען, אַ שטייגער די שריפֿטן פֿון יענע עלטסטע שפּראַכן, לאָזן אונדז דערקענען אַ צאָל אומבאַשטימטקייטן, וואָס אין אונדזער הײַנטיקן שרײַבן וואָלטן מיר זיי ניט טאָלערירט. אָט ווערן אין טייל סעמיטישע שריפֿטן באַצייכנט מערניט די קאָנסאָנאַנטן פֿון די ווערטער. די אויסגעקליבענע וואָקאַלן דאַרף דער לייענער אַנידערשטעלן לויט זײַנע קענטעניש און לויטן קאָנטעקסט. ניט אין גאַנצן אַזוי, אָבער גענוג ענלעך דערצו איז זיך נוהג די היעראָגליפֿישע שריפֿט, און דערפֿאַר איז אונדז די אויסשפּראַך פֿון אַלט־מיצריש געבליבן אומבאַוווסט. די הייליקע שריפֿט פֿון די מיצרים ווייס נאָך פֿון אַנדערע אומבאַשטימטקייטן אויך. ס'בלײַבט אַ שטייגער איבערגעלאָזן צום מוטוויל פֿונעם שרײַבער, צי ער וויל אויסשטעלן די בילדער פֿון רעכטס אויף לינקס אָדער פֿון לינקס אויף רעכטס. כּדי צו קענען לייענען מוז מען זיך האַלטן בײַם כּלל, אַז מען דאַרף לייענען אין דער ריכטונג פֿון די פּנימער בײַ די פֿיגורן, פֿייגל און דאָס גלײַכן. נאָר דער שרײַבער האָט געקענט סדרן די בילדער־סימנים אין ווערטיקאַלע שורות אויך, און בײַ אײַנגעשריפֿטסן אויף קלענערע חפֿצים האָט בײַ אים געקענט אויסקומען צוליב טעמים פֿון שיינקייט און פֿון אויספֿילן דעם שטח, אַז ער זאָל דעם סדר פֿון די סימנים נאָך בײַטן אַנדערש. דער גרעסטער שטער בײַ דער היעראָגליפֿישער שריפֿט איז מיסתּמא דאָס וואָס זי ווייס ניט פֿון אָפּטיילן ווערטער. די בילדער לויפֿן איבערן זײַטל אין גלײַכע מהלכים פֿון אַנאַנד, און בדרך־כּלל קען מען ניט וויסן, צי אַ סימן איז נאָך שייך צום פֿריערדיקן וואָרט אָדער ס'איז שוין דער אָנהייב פֿון אַ נײַעם. פֿאַרקערט אין דער פּערסישער פֿלעקלשריפֿט דינט פֿאַר אַ „ווערטער־טיילער" אַן אָנגעבויגן פֿלעקל.

גאָר־גאָר אַן אַלטע שפּראַך און שריפֿט, אָבער נאָך הײַנט גענוצט פֿון 400 מיליאָן, איז כינעזיש. מיינט ניט, אַז איך פֿאַרשטיי עפּעס אין דעם; איך האָב זיך מערניט נאָכגעפֿרעגט דערויף, ווײַל איך האָב געהאָפֿט, אַז איך וועל געפֿינען אַנאַלאָגיעס צו די אומבאַשטימטקייטן פֿון חלום. מײַן האָפֿענונג האָט מיך טאַקע ניט אָפּגענאַרט. די כינעזישע שפּראַך איז פֿול מיט אַזוינע אומבאַשטימטקייטן וואָס קענען אויף אונדז אָנוואַרפֿן אַן אימה. זי שטעלט זיך כּידוע צונויף פֿון אַ צאָל טראַפֿנקלאַנגען וואָס ווערן אַרויסגערעדט פֿאַר זיך אַליין אָדער קאָמבינירט צו צוויי. אין איינעם פֿון די הויפּט־דיאַלעקטן זײַנען פֿאַראַן אַן ערך 400 אַזוינע קלאַנגען. און היות ווי דעם ווערטער־אוצר פֿון דעם דאָזיקן דיאַלעקט באַרעכנט מען אויף אַן ערך 4.000 ווערטער, קומט אויס, אַז יעדער קלאַנג האָט אין דורכשניט צען פֿאַרשיידענע טײַטשן, עטלעכע פֿון זיי ווינציקער, נאָר דערפֿאַר אַנדערע מער. נו, ס'איז פֿאַראַן אַ היפּשע צאָל מיטלען אויסצומײַדן פֿילטײַטשיקייט, מחמת מען קען ניט טרעפֿן מתּוך דעם קאָנטעקסט אַליין, וואָסערן פֿון די צען טײַטשן פֿונעם טראַפֿנקלאַנג דער ריידער איז אויסן אַרויסצורופֿן בײַם צוהערער.

צווישן זיי איז פֿאַראַן דאָס פֿאַרבינדן צוויי קלאַנגען אין איין צונויפֿגעשנעלט וואָרט און דאָס ניצן פֿיר פֿאַרשיידענע „טענער“, וואָס מיט זיי ווערן די דאָזיקע טראַפֿן אַרויסגערעדט. פֿאַר אונדזער פֿאַרגלײַך איז נאָך אינטערעסאַנטער דער פֿאַקט, אַז אין דער דאָזיקער שפּראַך איז כמעט ווי ניטאָ קיין גראַמאַטיק. וועגן קיין איינעם פֿון די איינטראַפֿיקע ווערטער קען מען ניט זאָגן, צי ס'איז אַ זאַכוואָרט, אַ טוּוואָרט אָדער אַ בײַוואָרט, און ס'זײַנען אויך ניט בנימצא די אַלע שינויים פֿון ווערטער, וואָס אויף זיי זאָל מען געווען קענען דערקענען מין, צאָל, ענדונג, צײַט אָדער שטייגער. די שפּראַך שטעלט זיך הייסט עס צונויף, אַזוי צו זאָגן, נאָר פֿון רויוואַרג, — געגליכן צו דעם, ווי די חלום־אַרבעט צעלייגט די שפּראַך פֿון אונדזער טראַכטן אין איר רויוואַרג און היפּערט איבער דאָס אויסדריקן די שײַכותן. אין כינעזיש ווערט דאָס פּסקענען אין אַלע פֿאַלן פֿון אומ־באַשטימטקייט איבערגעלאָזן צום פֿאַרשטאַנד פֿון צוהערער, און ער לאָזט זיך דערבײַ פֿירן פֿונעם קאָנטעקסט. איך האָב זיך פֿאַרצייכנט אַ דוגמא פֿון אַ כינע־זישן שפּריכוואָרט, וואָס איבערגעזעצט וואָרט בײַ וואָרט לייענט זיך עס:

ווינציק וואָס זען אַ סך וואָס חידושדיק.

דאָס איז ניט שווער צו פֿאַרשטיין. עס קען הייסן: וואָס ווינציקער עמעצער האָט געזען, אַלץ מער געפֿינט ער צו חידושן זיך דערויף, אָדער: אַ סך איז פֿאַראַן צו חידושן זיך דערויף פֿאַר דעם וואָס האָט ווינציק געזען. געוויינטלעך קען ניט געמאָלט זײַן, אַז מיר זאָלן פּסקענען לטובת איינער פֿון די איבער־זעצונגען, וואָס זיי גייען זיך פֿונאַנדער מערניט גראַמאַטיש. ניט געקוקט אויף די אומבאַשטימטקייטן, איז די כינעזישע שפּראַך, אַזוי פֿאַרזיכערט מען אונדז, ממש אַן אויסגעצייכנטער מיטל אויף אויסצודריקן געדאַנקען. ס'איז הייסט עס לאָוו דווקא, אַז אומבאַשטימטקייט מוז ברענגען צו פֿילטײַטשיקייט.

וואָס אַן אמת מוזן מיר מודה זײַן, אַז בײַ דער אויסדריק־סיסטעם פֿון חלום איז די זאַך אַ סך ווינציק גינציק איידער בײַ די אַלע אַלטע שפּראַכן און שריפֿטן. וואָרעם זיי זײַנען דאָך אין גרונט באַשאַפֿן לשם איבערגעבן געדאַנקען, ד"ה מען האָט אין זינען, אַז מען זאָל זיי פֿאַרשטיין, אַלץ איינס אויף וואָסערע וועגן און מיט וואָסערע העלפֿמיטלען. בײַם חלום איז גראָד אָט דער סימן ניטאָ. דער חלום וויל קיינעם ניט זאָגן גאָרניט, ער איז ניט קיין מכשיר פֿון איבערגעבן געדאַנקען, אַדרבא, ער איז אויסן צו בלײַבן ניט פֿאַרשטאַנען. דעריבער וואָלטן מיר זיך ניט געטאָרט חידושן און מבולבל ווערן, אויב עס זאָל זיך אַרויסווײַזן, אַז וועגן אַ צאָל פֿילטײַטשיקייטן און אומבאַ־שטימטקייטן פֿון חלום לאָזט זיך ניט פּסקענען אויף פֿעסט. ווי אַ זיכערער געווינס פֿון אונדזער פֿאַרגלײַכן בלײַבט אונדז מערניט די מסקנא, אַז אַזוינע אומבאַשטימטקייטן, וואָס מען האָט זיי געוואָלט פֿאַרניצן ווי אַן אַרגומענט קעגן דער טרעפֿיקייט פֿון אונדזערע חלום־באַשיידן, זײַנען גאָר רעגולערע סימנים פֿון אַלע פּרימיטיווע אויסדריק־סיסטעמען.

ווי ווײַט עס גרייכט באמת די פֿאַרשטענדלעכקייט פֿון חלום לאָזט זיך אויסגעפֿינען נאָר דורך געניטונג און געפּרווו. איך רעכן, אַז זייער ווײַט, און דאָס פֿאַרגלײַכן רעזולטאַטן וואָס באַקומען זיך בײַ קאָרעקט געשולטע אַנאַליטיקער באַשטעטיקט מײַן קוק. דער עולם הדיוטים — דער עולם וויסנשאַפֿטלעכע הדיוטים אויך — האָט כּידוע הנאה פֿון אויספּײַנען זיך מיט גרויסהאַלטערישן סקעפּטיציזם לגבי די שווערקייטן און אומזיכערקייטן פֿון אַ וויסנשאַפֿטלעכן אויפֿטו. איך רעכן, אַז דאָס איז אַ קרומער גאַנג. ס'איז אײַך אפֿשר ניט אַלעמען באַוווּסט, אַז אַן ענלעכע סיטואַציע האָט זיך באַקומען אין דער געשיכטע פֿון די בבֿליש-אַשורישע אײַנגעשריפֿטסן. געווען אַ צײַט, ווען די עפֿנטלעכע מיינונג איז דערגאַנגען שיִער ניט דערצו, זי זאָל דעקלאַרירן די דעשיפֿרירער פֿון דער פֿלעקלשריפֿט פֿאַר פֿאַנטאַזיאָרן און די גאַנצע כֿאָרשונג פֿאַר אַ „שווינדל“. האָט אָבער אין יאָר 1857 די ראָיעל אײשיעטיק סאָסײַעטי* געמאַכט אַ דעצידירנדיקן פּרווו. זי האָט פֿאַרלאַנגט פֿון פֿיר פֿון די חשובֿסטע פֿלעקלשריפֿט-פֿאָרשער, ראָלינסאָן, הינקס, פֿאָקס טאַלבאָט און אָפּערט,** זיי זאָלן איר צושיקן אין פֿאַרחתמעטע קאָנווערטן אומאָפּהענגיקע איבערזעצונגען פֿון אַ נײַ געפֿונענעם אײַנגעשריפֿטס, און נאָכן פֿאַרגלײַכן די פֿיר נוסחאות האָט זי געקענט מעלדן, אַז די אײַנשטימיקייט צווישן זיי גייט גענוג ווײַט אויף צו באַרעכטיקן דעם צוטרוי צו דאָס לעת-עתּה דערגרייכטע און די האָפֿענונג אויף ווײַטערדיקן פּראָגרעס. דער חוזק פֿונעם קהל געלערנטע הדיוטים האָט זיך דערנאָך צו ביסלעך געעקט און די זיכערקייט בײַם לייענען דאָקומענטן פֿון פֿלעקלשריפֿט איז פֿון יעמאָלט אָן גוואַלדיק געוואַקסן.

2) אַ צווייטע סדרה חששים איז טיף געבונדן מיטן רושם, וואָס פֿון אים זײַט איר מיסתּמא אויך ניט געבליבן פֿרײַ, אַז אַ צאָל תּשובֿות, וואָס מיר מוזן געבן בײַם באַשיידן חלומות, קומען אויס געמאַטערט, געקינצלט, צוגעשלעפּט פֿאַר די האָר, הייסט עס אומנאַטירלעך אָדער אַפֿילו קאָמיש און לצניש. די דאָזיקע אַרויסזאָגונגען טרעפֿן זיך אַזוי אָפֿט, אַז איך וויל אַרויסכאַפּן אויף טראַף די לעצטע, וואָס וועגן איר איז צו מיר דערגאַנגען אַ ידיעה. טאָ הערט: אין דער פֿרײַער שווייץ האָט מען דאָ ניט לאַנג אָפּגעזאָגט פֿון זײַן שטעלע אַ דירעקטאָר פֿון אַ סעמינאַר פֿאַר פֿאַרנעמען זיך מיט פּסיכאָאַנאַליז. האָט ער אַפּעלירט, און אַ בערנער צײַטונג האָט אַרויסגעבראַכט אין דער עפֿנטלעכקייט די אָפּשאַצונג פֿון דער שולמאַכט וועגן אים. פֿון דעם דאָזיקן געשריפֿטס נעם איך אַרויס עטלעכע זאַצן וואָס זײַנען שייך צו פּסיכאָאַנאַליז: „ווײַטער בלײַבט מען פֿאַרחידושט פֿון דער געזוכטקייט און געקינצלטקייט אין אַ סך דוגמאות וואָס געפֿינען זיך אויך אין דעם דערמאָנטן בוך פֿון ד״ר פּפֿיסטער אין ציריך... מען וואָלט דעריבער בעצם געדאַרפֿט זײַן פֿאַרחידושט, וואָס אַ דירעקטאָר פֿון

* Royal Asiatic Society — קיניגלעכע אַזיאַטישע געזעלשאַפֿט.

** Rawlinson, Hincks, Fox Talbot, Oppert.

אַ סעמינאַר נעמט אויף אָן קריטיק די אַלע סבֿרות און כּמו-דערווײַזן". די דאָזיקע זאַצן ווערן דערלאַנגט ווי דער פּסק פֿון אַ מענטשן „וואָס מישפּט רויִק". איך רעכן פֿאַרקערט, אַז די דאָזיקע רויִקייט איז אַ „געקינצלטע". לאָמיר צוגיין צו די דאָזיקע אַרויסזאָגונגען ריכטנדיק זיך, אַז אַ ביסל איבערטראַכטן און אַ ביסל זאַך-קענטעניש קענען ניט פֿאַרשאַטן פֿאַר אַ רויִקן אָפּשאַץ אויך.

עס איז ממש אַ דערקוויקעניש צו זען, ווי גיך און האָפֿערדיק איינער נעמט זיך אונטער צו מישפּטן אין אַ האַרבער פֿראַגע פֿון דער פּסיכאָלאָגיע פֿון די טיפֿעניש אויפֿן סמך פֿון זײַנע ערשטע אײַנדרוקן. די באַשיידן קומען אויס בײַ אים געזוכט און געמאַטערט, זיי געפֿעלן אים ניט, בכן זײַנען זיי פֿאַלש און די גאַנצע באַשיידערײַ טויג צו גאָרניט; אַפֿילו אויף אַ רגע גיט מען ניט קיין קלער איבער וועגן דער אַנדערער מיגלעכקייט, אַז צוליב פֿעסטע טעמים מוזן די באַשיידן אַזוי אויסווײַזן, וואָס אין דעם וואָלט זיך געקניפּט אַ צווייטע פֿראַגע, וואָסערע פֿעסטע טעמים עס זײַנען דאָס.

דער אָפּשאַץ, וואָס מען קומט מיט אים אַרויס, איז שייך בעיקר צו די רעזולטאַטן פֿונעם איבעררוק, וואָס איר האָט אים דערקענט פֿאַרן שטאַרקסטן מיטל פֿון דער חלום-צענזור. מיט דער הילף פֿון איבעררוק באַשאַפֿט די חלום-צענזור במקום-פֿורעמונגען, וואָס מיר האָבן באַצייכנט ווי רמזים. דאָס זײַנען אָבער רמזים וואָס ס'איז ניט גרינג צו דערקענען ווי אַזוינע, וואָס דער וועג צוריק פֿון זיי צום עצם לאָזט זיך ניט גרינג אָפּזוכן און וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיט דעם דאָזיקן עצם דורך די משונהדיקסטע, צום ווינציקסטן געניצטע דרויסנ-דיקע אַסאָציאַציעס. אין די אַלע פֿאַלן גייט אָבער וועגן זאַכן וואָס דאַרפֿן באַהאַלטן ווערן, וואָס זײַנען באַשטימט אויף צו בלײַבן אַ סוד; דאָס איז עס דאָך, וואָס די חלום-צענזור וויל דערגרייכן. נאָר אויב עפּעס איז באַהאַלטן געוואָרן, דאַרף מען זיך ניט ריכטן עס צו געפֿינען אויף זײַן פּלאַץ, אויפֿן אָרט, ווו עס דאַרף זײַן. די קאָמיסיעס פֿאַר גרענעץ-קאָנטראָל וואָס זײַנען הײַנט אויסגעזעצט זײַנען אין דעם פּרט גרעסערע בעל-המצאות ווי די שווייצער שול-מאַכט. ווען זיי זוכן דאָקומענטן און נאָטיצן, באַנוגענען זיי זיך ניט מיט אַרײַנ-קוקן אין טעקעס און פּאָליאַרעסן, נאָר עס לייגט זיך זיי אויפֿן שׂכל, אַז די שפּיאָנען און קאָנטראַבאַנדיסטן טראָגן אפֿשר די אָ טרייפֿענע זאַכן אין די טיפּסטע באַהעלטענישן פֿון זייער הלבשה, ווו ס'איז בשום אופֿן ניט זייער אָרט, אַ שטייגער צווישן די טאָפּעלע זוילן פֿון זייערע שיך. אויב מען געפֿינט דאָרטן די באַהאַלטענע זאַכן, זײַנען זיי טאַקע געווען זייער געזוכטע, אָבער זייער... געפֿונענע אויך.

ווען מיר נעמען אָן פֿאַר מיגלעך די גאָר ווײַטע, גאָר משונהדיקע פֿאַר-קניפּונגען — וואָס אָט ווײַזן זיי אויס קאָמיש און אָט וויציק — צווישן אַ פֿאַר-באַהאַלטענעם חלום-עלעמענט און זײַן אָפֿנוואָרן במקום, איז גייען מיר דאָ נאָך נאָך היפּש געפּרוּוון אויף דוגמאות, וואָס בדרך-כּלל האָבן ניט מיר אַליין געפֿונען זייער באַשיידונג. אָפֿט איז ניט מיגלעך אַליין צו פֿאַלן אויף אַזוינע

באַשיידן; קיין בעל־שׂכל וואָלט ניט געקענט טרעפֿן, אַז דאָ איז פֿאַראַן אַ פֿאַרקניפּונג. דער בעל־חלום גיט אונדז דעם איבערזעץ אָדער מיט איין קלאַפּ דורך זײַנעם אַ דירעקטן אײַנפֿאַל — ער קען דאָך דאָס, וואָרעם בײַ אים האָט זיך עס אויסגעאַרבעט אָט די במקום־פֿורעמונג — אָדער ער דערלאַנגט אונדז אַזוי פֿיל מאַטעריאַל, אַז דאָס באַשיידן פֿאָדערט ניט מער קיין באַזונדער חריפֿות, נאָר זי בעט זיך אָן, ווי ניט אויסצומײַדן. טאָמער העלפֿט אונדז ניט דער בעל־חלום אויף איינעם פֿון די צוויי אופֿנים, בלײַבט טאַקע דער שייכדיקער אָפּנוואָרער עלעמענט אומפֿאַרשטענדלעך אויף אייביק. דערלויבט מיר מוסיף צו זײַן נאָך איין דוגמא אַזאַ, וואָס איך האָב ניט לאַנג איבערגעלעבט. איינע אַ פּאַציענטין מײַנע האָט בעת דער קוראַציע פֿאַרלוירן איר פֿאָטער. באַנוצט זי זיך פֿון יעמאָלט אָן מיט יעטווידער גורם, כּדי אים צוריק אויפֿצולעבן אין חלום. אין איינעם פֿון אירע חלומות באַגעגנט זיך דער פֿאָטער אין אַ געוויסער שײַכות, וואָס ווײַטער לאָזט זיך דערפֿון גאָרניט מאַכן, און זאָגט: ס׳איז אַ פֿערטל צוועלף, ס׳איז האַלב צוועלף, ס׳איז דרײַ פֿערטל צוועלף. אויף צו באַשיידן די משונהדיקייט איז נאָר געקומען דער אײַנפֿאַל, אַז דעם פֿאָטער פֿלעגט זייער נחת זײַן, די דערוואַקסענע קינדער זאָלן פּינקטלעך אָפּהיטן די בשותּפֿותדיקע עסנצײַט. דאָס איז געוויס געווען געקניפּט מיטן חלום־עלעמענט, נאָר קיין אויספֿיר וועגן זײַן אָפּשטאַם האָט מען דערפֿון ניט געקענט מאַכן. דורך דער יעמאָלטיקער סיטואַציע פֿון דער קוראַציע איז געווען באַרעכטיקט אַ חשד, אַז אַ חלק אין דעם דאָזיקן חלום האָט געהאַט אַזאָרגעוודיק צוגעשטיקטער קריטישער שטעל קעגן דעם געליבטן און געאַכפּערטן פֿאָטער. נאָכגייענדיק ווײַטער נאָך אירע אײַנפֿאַלן, מכּלומרשט אויף אַ ווײַטן מהלך פֿון חלום, דערציילט די בעל־חלומטע, אַז נעכטן האָט מען אין איר בײַזײַן אַ סך גערעדט וועגן פּסיכאָלאָגישע ענינים און אַ קרובֿ האָט דערבײַ אַ זאָג געטאָן: דער בראשית־מענטש* לעבט עד־היום אין אונדז אַלעמען. איצטער פֿאַרשטייען מיר דוכט זיך. דאָ איז געווען פֿאַר איר אַן אויסגעצייכנטע געלעגנהייט ווידער אַ מאָל צו לאָזן לעבן ווײַטער דעם פֿאַרשטאָרבענעם פֿאָטער. זי האָט הייסט עס אין חלום געמאַכט פֿון אים אַ זייגערמענטש,** לאָזנדיק אים אָנזאָגן די פֿערטל־שעהן פֿון אָנבײַסן־צײַט.

בײַ דער דאָזיקער דוגמא וועט זיך אײַך וואַרפֿן אין די אויגן די געגליכנקייט צו אַ וויץ, און ס׳האָט זיך טאַקע פֿאַרלאָפֿן גענוג אָפֿט, אַז דעם וויץ פֿון בעל־חלום האָט מען אָנגענומען פֿאַר אַ וויץ פֿון דעם באַשיידער. פֿאַראַן נאָך אַנדערע דוגמאות, וואָס בײַ זיי קומט גאָרניט אָן גרינג צו פּסקענען, צי מען האָט דאָ צו טון מיט אַ וויץ אָדער אַ חלום. נאָר איר דערמאָנט זיך, אַז דעם נעמלעכן ספֿק האָבן מיר געהאַט בײַ טייל געשטרויכלטע טוונגען מיט

* Der Urmensch.

** Urmensch — בראשית־מענטש, Uhrmensch — זייגערמענטש

רייד־טעותן. איינער דערציילט ווי זײַנעם אַ חלום, אַז זײַן פֿעטער האָט אים אַ קוש געטאָן, בשעת זיי זײַנען געזעסן אין דעם פֿעטערס אויטאָ (מאָביל). ער אַליין גיט צו זייער גיך דעם באַשייד. עס מיינט אויטאָעראָטיזם (אַ טערמין פֿון דער לערע וועגן ליבידאָ, וואָס באַצייכנט באַפֿרידיקונג אָן אַ פֿרעמדן אָביעקט). נו, צי האָט זיך דער מענטש פֿאַרגונען אַ שפּאַס צו טון מיט אונדז און אַרויסגעגעבן פֿאַר אַ חלום אַ וויץ וואָס איז אים אַרויף אויפֿן זינען? איך מיין, אַז ניט; ס'האָט זיך אים טאַקע אַזוי געחלומט. נאָר פֿון וואַנען קומט אָט די פֿלעפֿנדיקע געגליכנקייט? אָט די פֿראַגע האָט מיך בשעתו אַראָפּגעפֿירט אַ שטיק פֿון מײַן וועג, אַוועקשטעלנדיק מיך פֿאַר דער נייטיקייט צו מאַכן אַ בפּרטיותדיקע אויספֿאָרשונג וועגן וויץ גופֿא. דערבײַ בין איך דערגאַנגען וועגן אויפֿקום פֿון וויץ, אַז אַן ערבֿ־וויסיקער גאַנג געדאַנקען ווערט אויף אַ רגע איבערגעענטפֿערט צו דער אומוויסיקער באַאַרבעטונג, וואָס פֿון איר גיט ער דערנאָך אַ שווים אַרויס ווי אַ וויץ. אונטער דער השפּעה פֿון דאָס אומוויסיקע נעמט ער אויף זיך די באַווירקונג מצד די מעכאַניזמען וואָס געוועלטיקן דאָרטן, פֿאַרגעדיכטערונג און איבעררוק, ד"ה די זעלבע פּראָצעסן, וואָס זייער אָנטייל האָבן מיר אויסגעפֿונען אין דער חלום־אַרבעט, און דער דאָזיקער בשותּפֿותדיקייט דאַרף מען עס צושרײַבן די געגליכנקייט פֿון וויץ און חלום אין יענע פֿאַלן, ווו זי מאַכט זיך. נאָר פֿונעם געווינס אין תּענוג, וואָס דער וויץ ברענגט, איז אין דעם אומבכּיוונדיקן „חלום־וויץ" קיין זאַך ניטאָ. פֿאַר וואָס — דאָס קענט איר אָפּלערנען פֿון אַרײַנטיפֿן זיך אין שטודירן דעם וויץ. דער „חלום־וויץ" קומט אויס בײַ אונדז ווי אַ שלעכטער וויץ, ער מאַכט אונדז ניט לאַכן, ער נעמט אונדז ניט.

נאָר מיר גייען דאָ נאָך פֿוס טריט דער אַנטיקער חלום־באַשיידונג אויך, וואָס באַגלײַך מיט אַ סך אומבאַנוצלעכע זאַכן האָט זי אונדז איבערגעלאָזן ניט איין גוטע דוגמא פֿון חלום־באַשייד, וואָס מיר אַליין וואָלטן ניט געווען ביכולת אַריבערצושטײַגן. איך גיי אײַך דערציילן אַ היסטאָרישן וויכטיקן חלום, וואָס פּלוטאַרך און אַרטעמידאָראָס פֿון דאַלדיס גיבן איבער, מיט געוויסע שינויים, וועגן אַלכּסנדר מוקדון. ווען דער קיניג האָט געהאַלטן אין באַלעגערן די שטאָט צור וואָס האָט זיך עקשנותדיק פֿאַרטיידיקט (322 פֿ"ק), האָט זיך אים איין מאָל געחלומט, אַז ער זעט אַ טאַנצנדיקן סאַטיר. דער חלום־באַשיידער אַריסטאַנדראָס וואָס האָט זיך געפֿונען בײַם חיל האָט אים באַשיידט דעם חלום, צעלייגנדיק דאָס וואָרט „סאַטיראָס" אין σα Τύρος (צור איז דײַנע)* און צוזאָגנדיק אים דעריבער דעם טריומף איבער דער שטאָט. אַלכּסנדר האָט זיך דורך דעם דאָזיקן באַשייד געלאָזט ברענגען דערצו, ער זאָל ווײַטער פֿירן די באַלעגערונג, און האָט סוף־כּל־סוף אײַנגענומען צור. דער באַשייד וואָס זעט אויס גענוג געקינצלט איז בלי־ספֿק געווען דער ריכטיקער.

---

* Satyros=sa Tyros.

3) איך קען זיך אויסמאָלן, אַז ס׳וועט מאַכן אויף אײַך אַ באַזונדער רושם, ווען איר וועט הערן, אַז מיט טענות קעגן אונדזער באַנעם פֿון חלום זײַנען אַרויס אויך אַזוינע מענטשן וואָס האָבן זיך אַליין אַ היפּשע צײַט ווי פּסיכאָאַנאַליטיקער פֿאַרנומען מיט באַשיידן חלומות. ס׳וואָלט געווען צו מאָדנע, ווען אַזאַ טײַערע געלעגנהייט פֿאַר נײַע טעותן וואָלט געבליבן אומגעניצט; האָבן זיך טאַקע דורך אַ געפּלאָנטער פֿון באַגריפֿן און ניט-באַרעכטיקטע גענעראַליזירונגען באַקומען טעזיסן וואָס בלײַבן, אין פּרט פֿון אומריכטיקייט, ניט שטאַרק הינטערשטעליק אַנטקעגן דעם מעדיציניש באַנעם פֿון חלום. איין טעזיס אַזאַ קענט איר שוין, ער לייענט זיך, אַז דער חלום פֿאַרנעמט זיך מיט פּרוּוון צוצופּאַסן זיך צו דער איצטיקייט און ניט פּרוּוון צו פֿאַרענטפֿערן די אויפֿגאַבעס פֿון עתיד, אַ כּלל ער האָט אַ „פּראָספּעקטיווע טענדענץ“ (אַ. מעדער). מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז דער דאָזיקער טעזיס באַזירט זיך אויף צעפּלאָנטערן דעם חלום מיט די פֿאַרבאַהאַלטענע חלום-געדאַנקען, אַז ער נעמט זיך הייסט עס פֿון פֿאַרזען די חלום-אַרבעט. ווי אַ כאַראַקטעריסטיק פֿון דער אומוויסיקער גײַסטיקער טעטיקייט, וואָס צו איר געהערן די פֿאַרבאַהאַלטענע חלום-געדאַנקען, איז זי פֿון איין זײַט ניט קיין נײַס און פֿון דער אַנדערער זײַט ניט אויסשעפּיק, וואָרעם די אומוויסיקע גײַסטיקע טעטיקייט פֿאַרנעמט זיך מיט אַ סך אַנדערע זאַכן אַחוץ מיט צוגרייטן דעם עתיד. אַ סך אַן ערגערער פּלאָנטער ווײַזט אויס צו זײַן אין יסוד פֿון דער הנחה, אַז הינטער יעטווידער חלום געפֿינט מען די „קלויזולע פֿון טויט“. איך ווייס ניט אויף קלאָר, וואָס די דאָזיקע פֿאָרמל וויל אונדז לאָזן הערן, נאָר איך בין משער, אַז עס שטעקט אין איר אַ צעפּלאָנטערניש צווישן דעם חלום און דער גאַנצער פּערזענלעכקייט פֿונעם בעל-חלום.

אַן אומבאַרעכטיקטע גענעראַליזירונג מתּוך עטלעכע גוטע דוגמאות שטעקט אינעם זאַץ, אַז יעדער חלום דערלאָזט צוויי באַשיידן: אַזאַ ווי מיר האָבן אַרויסגעבראַכט, דעם אַזוי גערופֿענעם פּסיכאָאַנאַליטישן, און אַן אַנדערן, דעם אַזוי גערופֿענעם אַנאַגאָגישן, וואָס ער איז מוותּר אויף די יצר-וועקונגען און איז אָנגעצילט אויף אויסמאָלן די העכערע טוונגען פֿון דער נשמה (ה. זילבערער). פֿאַראַן אַזוינע חלומות, אָבער אומזיסט וועט איר פּרוּוון אויסשפּרייטן דעם דאָזיקן באַנעם, זאָל זײַן נאָר אויף אַ גרויסער צאָל חלומות. נאָך דעם אַלעם וואָס איר האָט געהערט וועט אײַך אויך אויסקומען אין גאַנצן ניט צו באַנעמען דער טעזיס, אַז אַלע חלומות דאַרפֿן באַשיידט ווערן ביסעקסועל, מעשׂה צוזאַמענטרעף פֿון אַ מענערשער שטרעמונג מיט אַ שטרעמונג וואָס מען דאַרף אָנרופֿן פֿרוייִש (אַ. אַדלער). פֿאַראַן געווייִנטלעך איינציקע אַזוינע חלומות אויך, און איר קענט שפּעטער געוווּיר ווערן, אַז זיי זײַנען אַזוי געבויט ווי געוויסע היסטערישע סימפּטאָמען. איך דערמאָן די אַלע אויפֿדעקונגען פֿון נײַע אַלגעמיינע סימנים פֿון חלום, כּדי צו וואָרענען אײַך פֿאַר זיי, אָדער כּדי לכל-הפּחות ניט איבערצולאָזן בײַ אײַך קיין ספֿק, ווי אַזוי איך קוק אויף זיי.

4) אין אַ שיינעם פּרימאָרגן האָט די אָביעקטיווע ווערדע פֿון דער חלום-פֿאָרשונג אויסגעוויזן צו זײַן קוועסטיאָנירט דורך דער אָבסערוואַציע, אַז די פּאַציענטן אין דער אַנאַליטישער קוראַציע אָרדענען אײַן דעם אינהאַלט פֿון זייערע חלומות לויט די באַליבטע טעאָריעס פֿון זייערע דאָקטוירים: איינע חלומט זיך דער עיִקר וועגן סעקסועלע יצר-וועקונגען, אַנדערע וועגן שטרעבונג צו מאַכט און נאָך אַנדערע גאָר וועגן איבערגעבוירן ווערן (וו. שטעקעל*). די וואָג פֿון דער דאָזיקער אָבסערוואַציע ווערט געמינערט, ווען מען וועגט אָפּ, אַז ס'האָט זיך מענטשן געחלומט נאָך איידער עס איז געווען אַ פּסיכאָ-אַנאַליטישע קוראַציע וואָס האָט געקענט קערעווען זייערע חלומות און אַז די וואָס האַלטן זיך איצטער אין קורירן פֿלעגט זיך חלומען אין דער צײַט ביז דער קוראַציע אויך. דאָס פֿאַקטישע אין דעם דאָזיקן חידוש לאָזט זיך באַלד דערקענען ווי אַ זאַך וואָס איז קלאָר פֿון זיך אַליין און וואָס האָט קיין באַטרעף ניט פֿאַר דער טעאָריע פֿון חלום. די טאָגרעשטן וואָס אַנטוועקן דעם חלום זײַנען שיריים פֿון די שטאַרקע אינטערעסן פֿונעם לעבן אויף דער וואָר. ווען דעם דאָקטערס רייד און די אַנטוועקונגען וואָס ער גיט האָבן באַקומען חשיבֿות פֿאַרן אַנאַליזירטן, גייען זיי אַרײַן אין דעם גבֿול טאָגרעשטן, קענען זיי זײַן פּסיכישע רייצן פֿאַר פֿורעמען דעם חלום אַזוי ווי די אַנדערע אַפֿעקטיקע ניט-פֿאַרענטפֿערטע אינטערעסן פֿון בײַ טאָג און וווירקן ענלעך ווי די סאָמאַטישע רייצן וואָס באַווירקן דעם שלעפֿער בשעתן שלאָפֿן. אַזוי ווי אָט די אַנדערע אַנטוועקער פֿון חלום, אַזוי קענען זיך אויך באַווײַזן אין אָפֿנוואָרן חלום-אינ-האַלט אָדער אויפֿגעוויזן ווערן אינעם פֿאַרבאַהאַלטענעם חלום-אינהאַלט די גאַנגען געדאַנקען וואָס דער דאָקטער האָט אַנטוועקט. מיר ווייסן דאָך, אַז מען קען עקספּערימענטעל באַשאַפֿן חלומות, גלײַכער געזאָגט — אַרײַנפֿירן אַ טייל חלום-מאַטעריאַל אין חלום אַרײַן. דער אַנאַליטיקער שפּילט הייסט עס בײַ דעם דאָזיקן משפּיע זײַן אויף זײַנע פּאַציענטן ניט קיין אַנדער ראָלע איידער דער עקספּערימענטאַטאָר וואָס שטעלט אַוועק, אַזוי ווי מאָורלי וואָלד, די אבֿרים פֿון זײַנע פּרוּווסוביעקטן אין געוויסע פּאָזיציעס.

מען קען אָפֿט מאָל משפּיע זײַן אויפֿן בעל-חלום, וועגן וואָס עס זאָל זיך אים חלומען, נאָר מען קען קיין מאָל ניט האָבן קיין השפּעה אויף דעם, וואָס עס זאָל זיך אים חלומען. דער מעכאַניזם פֿון דער חלום-אַרבעט און דער אומוויסיקער חלום-פֿאַרלאַנג שטייען מחוץ יעטווידער פֿרעמדער השפּעה. מיר האָבן נאָך בײַם באַטראַכטן די סאָמאַטישע רייץ-חלומות דערקענט, אַז די אייגנקייט און פֿאַרזיכדיקייט פֿון חלום-לעבן באַווײַזט זיך אין דער רעאַקציע, וואָס מיט איר רעאַגירט דער חלום אויף די דערלאַנגטע קערפּערדיקע אָדער פּסיכישע רייצן. דער באַזיס פֿון דעם דאָ אַרומגערעדטן טעזיס וואָס וויל אָנוואַרפֿן אַ ספֿק אויף דער אָביעקטיוויקייט פֿון דער חלומות-פֿאָרשונג איז הייסט עס ווידער אַ מאָל אַ צעפּלאָנטערניש — פֿון חלום מיטן חלום-מאַטעריאַל.

---

* Stekel.

אָט דאָס, חשובֿע דאַמען און הערן, האָב איך אײַך געוואָלט דערציילן וועגן די פּראָבלעמען פֿון חלום. איר שטויסט זיך אָן, אַז אַ סך האָב איך איבערגעהיפּערט, און איר אַליין האָט אויסגעפּרוּווט, אַז כּמעט אין אַלע פּונקטן האָב איך געמוזט זײַן ניט שלימותדיק. נאָר דאָס נעמט זיך פֿונעם פֿאַרבונד צווישן די חלום-פֿענאָמענען מיט די פֿענאָמענען פֿון די נעווראָזן. מיר האָבן געשטודירט דעם חלום ווי אַן אַרײַנפֿיר אין דער לערע וועגן נעווראָזן, און דאָס איז געוויס געווען גלײַכער, איידער טון דעם היפּוך. אָבער פּונקט ווי דער חלום גרייט צו צו פֿאַרשטיין די נעווראָזן, אַזוי קען מען פֿון דער צווייטער זײַט צוקומען צו אַ געהעריקן קוק אויפֿן חלום ערשט נאָך דעם, ווי מען קען די נעווראָטישע דערשײַנונגען.

איך ווייס ניט, וואָס איר האַלט וועגן דעם, נאָר איך מוז פֿאַרזיכערן, אַז איך האָב ניט קיין חרטה, וואָס איך האָב צוגענומען פֿאַר די פּראָבלעמען פֿון חלום אַזוי פֿיל פֿון אײַער אינטערעס און פֿון דער צײַט וואָס איז אין אונדזער רשות. אויף קיין שום אַנדער אָביעקט קען מען ניט באַקומען אַזוי גיך די איבערצײַגונג, אַז עס זײַנען אמתדיק די טעזיסן, וואָס אויף זיי איז אויפֿגעבויט דער יאָ אָדער דער ניין פֿון פּסיכאָאַנאַליז. עס פֿאָדערט זיך אַן אָנגעשטרענגטע אַרבעט פֿון אַ סך חדשים און אַפֿילו פֿון יאָרן אויף צו ווײַזן, אַז די סימפּטאָמען אין אַ פֿאַל פֿון אַ נעוראָטישער קרענק האָבן זייער זינען, אַז זיי דינען צו אַ כּוונה און קומען אַרויס פֿון די איבערלעבונגען פֿונעם חולה. פֿאַרקערט קען געראָטן דורך אַ באַמיִונג פֿון געציילטע שעהן צו דערווײַזן דאָס אייגענע פֿאַר אַ תּחילת אומפֿאַרשטענדלעך געפּלאָנטערטער חלום-טײַונג און צו באַשטעטיקן דערמיט אַלע הנחות פֿון פּסיכאָאַנאַליז—די אומוויסיקייט פֿון פּסיכישע פּראָצעסן, די באַזונדערע מעכאַניזמען, וועמען זיי פֿאָלגן, און די יצר-כּוחות וואָס ווײַזן זיך אין זיי אַרויס. און ווען מיר פֿאַרגלײַכן די דורכויסיקע אַנאַלאָגיע אינעם געבײַ פֿון חלום און פֿון נעוראָטישן סימפּטאָם מיט דער גיכקייט פֿונעם איבערקער וואָס מאַכט פֿונעם בעל-חלום אַ וואַכיקן און בר-דעתדיקן מענטשן, קומט אונדז צו די זיכערקייט, אַז דער נעוראָז באַזירט זיך אויך מערניט אויף אַ געביטענער שפּיל פֿון כּוחות צווישן די מאַכטן פֿונעם פּסיכישן לעבן.

# נײַע אויסגאַבעס פֿון ייִוואָ:

**פּראָפֿ' ל. הערש: פֿאַרברעכערישקייט פֿון ייִדן און ניט-ייִדן אין פּוילן.** די פֿאַרשידענע מינים פֿאַרברעכנס. פּרײַז 1.50 גילדן.

**הערבערט ספּענסער: די ערשטע פּרינציפּן.** אַ סיסטעם פֿון סינטעטישע פֿילאָסאָפֿיע. איבערגעזעצט פֿון ענגלישן אָריגינאַל ד״ר י. אַ. מעריסאָן, מיט אַ פֿאָרוואָרט פֿון ד״ר ח. זשיטלאָווסקי: „העגעל, ספּענסער און מאַרקס״. XX+538 ז' 8°. ווילנע 1937. פּרײַז 10 גילדן, אין פּראַכטבאַנד 11.50 גילדן.

**יוסף פּערלס ייִדישע כּתבֿים,** אַרויסגעגעבן פֿון כּתבֿ-יד. מיט אַרײַנפֿירן פֿון ישׂראל ווײַנלעז: פּערל, זײַן לעבן און שאַפֿן, און ז. קלמנאָוויטש: פּערלס ייִדישע כּתבֿים, ליטעראַרישער און שפּראַכיקער אַנאַליז. מיט רעפּראָדוקציעס. CVII+244 זײַטן 8°. ווילנע 1937. פּרײַז 10 גילדן. אין פּראַכטבאַנד 11.50 גילדן.

**זיגמונד פֿרויד: אַרײַנפֿיר אין פּסיכאָאַנאַליז.** אויטאָריזירטע איבערזעצונג פֿון מ. ווײַנרײַך אין 6 העפֿטן, איבער 400 זײַטן 8°. ווילנע 1936/1938. עס זײַנען אַרויס העפֿט 1, 2, 3. פּרײַז פֿון אַ העפֿט 1.80 גל. פּרײַז פֿון גאַנצן בוך 9 גילדן.

**נח פּרילוצקי: דיאַלעקטאָלאָגישע פֿאָראַרבעטן.** (2טער באַנד פֿון „מאַמע-לשון״). 233 זײַטן 8°. פּרײַז 5 גילדן.

**נתן-נטע האַנאָווער: יון מצולה אָדער קאָזאַקן-זומפּ.** ייִדיש פֿון ז. לאַצקי-בערטאָלדי, מיט אַ הוספֿה פֿון י. איזראַעלסאָן און מיט אַן אויספֿאָרשונג וועגן כמעלניצקיס תּקופֿה פֿון ד״ר יעקבֿ שאַצקי. 280 זײַטן 8°. ווילנע 1938. פּרײַז 4 גילדן.

**ד״ר עמנואל רינגעלבלום: די פּוילישע ייִדן אין אויפֿשטאַנד פֿון קאָשטשושקאָ 1794.** IV, 220 זײַטן. פּרײַז 5 גילדן.

פּאָרטאָ אויפֿן חשבון פֿון באַשטעלער.

---

פֿאַר ביבליאָטעקן און מיטגלידער פֿון „געזעלשאַפֿטן פֿרײַנד פֿון ייִוואָ״ אַ הנחה.

באַשטעלן בײַ:

**Towarzystwo Przyjaciół**

**Żydowskiego Instytutu Naukowego, ul. Wiwulskiego 18, Wilno**

**Konto czekowe P.K.O. 81.396 פּק״אָ**

**SIGMUND FREUD**

**ARAINFIR IN PSICHOANALIZ**

WSTĘP DO PSYCHOANALIZY. Autoryzowany przekład żydowski M.Weinreicha. Wydanie Żydowskiego Instytutu Naukowego (Jiwo). Wilno 1938. Zeszyt III.
INTRODUCTION TO PSYCHOANALYSIS. Authorized Yiddish Translation by M.Weinreich. Published by the Yiddish Scientific Institute (Yivo). Wilno 1938. Nr. III.

---

דער ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט, וואָס פֿרויד איז אַ מיטגליד פֿון זײַן ערן־קוראַטאָריום, באַצייכנט פֿרוידס 80סטן געבוירנס־טאָג דורך אַרויסגעבן מיטן הסכם פֿון מחבר זײַן

# אַרײַנפֿיר אין פּסיכאָאַנאַליז

אין דער פֿולער ייִדישער איבערזעצונג פֿון ד״ר מ. ווײַנרײַך

דער „אַרײַנפֿיר אין פּסיכאָאַנאַליז" האָט די גוואַלדיקע מעלה, וואָס דאָ איז דער באַשעפֿער פֿון דער שיטה אַליין מסביר די שיטה. ער טוט דאָס אין אַ פּרעכטיקער שאַרפֿער שפּראַך, מיט קלאָרע דעפֿיניציעס. ער ראַנגלט זיך פֿאַרן אמת: ער שאַנעוועט ניט דעם קעגנער, אָבער ער אַנטפּלעקט אָן בושה זײַנע אייגענע שוואַכע זײַטן אויך. עס קומט ניט נאָר צו קענטעניש; לייענען דאָס ווערק איז אַ גײַסטיקער תענוג.

דער איבערזעצער גיט צו צום בוך אַן אויסטײַטשונג פֿון אַלע שווערע ווערטער, אַן איבערזעצונג פֿון די פֿרעמדשפּראַכיקע אויסדרוקן און אַ פּרטימדיקן זוכצעטל.

בכדי ס'זאָל זײַן גרינגער אײַנצושאַפֿן זיך דעם „אַרײַנפֿיר אין פּסיכאָ־אַנאַליז", וואָס האַלט איבער 400 זײַטן, וועט דאָס ווערק אַרויסגיין אין 6 העפֿטן, צו 4—6 דרוקבויגן אַ העפֿט אין פֿאָרמאַט פֿון 6 אויף 10 קוואַדראַט.

פּרײַז פֿון אַ העפֿט מיט פּאָרטאָ — 1.80 גילדן, מחוץ פּוילן — 50 אַמ׳ סענט. ווער עס שיקט אַרײַן פֿאָרויס 9 גילדן — מחוץ פּוילן 2.50 אַמעריקאַנער דאָלאַר — באַקומט אַלע 6 העפֿטן. נאָכן אַרויסגיין אין גאַנצן וועט דער פּרײַז פֿון בוך געהעכערט ווערן.

פֿאַר מיטגלידער פֿון געזעלשאַפֿטן „פֿרײַנד פֿון ייִוואָ" און פֿאַר מיטאַרבעטער און מיטהעלפֿער פֿון ייִוואָ אַ גרויסע הנחה.

**Tow. Przyjaciół Żyd. Instytutu Naukowego, Wiwulskiego 18, Wilno**
P. K. O. 81.396 פּק״אָ־קאָנטע

PRINTED IN POLAND
DRUK. D. KREJNESA, WILNO